ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ ראש יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת בֹּא

תשפ"ד

332

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עצתו אמונה

לערנען ש"ס אויפ'ן סדר, אדער ענדערש דעם טעגליכן בלאט?......................א

ווי אזוי בין איך מסביר פאר מיין טאטע אז ברסלב איז גוט פאר מיר?..............ד

ווי אזוי העלף איך מיין טאטע וואס ליגט אין א טיפע מרה שחורה?..................ו

קען מען איינטיילן די ח"י פרקים משניות אין לויף פונעם טאג?.......................ח

# איש אמונות

אנגעצינדן דעם הייליגן רבינ'ס ליכט אין אלע אידישע הערצער .........................א

מחנך זיין קינדער צו גיין נאך צדקה, ווי ערליכע אידן ............................ב

מאכן עקסערסייז מיט די עלטערע מיידלעך בצניעות.............................ג

משניות ריינינגט אויס א פארשמירטע נשמה ..............................ג

רעד, שריי, וויין און שמועס, קרעכץ זיך אויס צום אייבערשטן .....................ד

הייליגער באשעפער, מאך א נס איך זאל ווערן פריילך און זיך קענען ליידן......ה

-די קיאסק זאל זיין הונדערט פראצענט געפילטערט ...........................ו

-קום נישט דאווענען ביי מיר אין שול אויב דו ביסט ממשיך מיטן שמועסן.......ו

מיט סבלנות און מיט איר אויפבויען וועט דאס אריבערגיין .......................ז

ווער נישט פארוואלוולט, דער אייבערשטער וועט דיר מאכן גרויסע ניסים.......ז

אויסלערנען די קינדער צו זיין פון די פארשעמטע, נישט די וואס פארשעמען...ח

הָאסְט אַלֶעמָאל גֶעבְּרֶענְגְט פַּרְנָסָה אָן אַ טֶעלֶעפָאן, זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן אַזוֹי..........יא
דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז לִיבּ, דָאס דַארְף מֶען אַסַאךְ חַזֶר'ן....................יא
מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר דִי טֶעכְטֶער זִיךְ צוּ פִירְן אֵיידְל....................יב
מַאךְ אַ שֵׁיינֶע סִיוּם לְכָבוֹד דִי סִיוּם פוּן הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל מִשְׁנַיוֹת.............יג
אִין בְּרֶסְלֶב הָאט מֶען נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען דִי סְגוּלָה פוּן זָארְגְן......................יד
אֱמוּנָה אִיז וִוי אַ פֵייעֶר וָואס דִי נִישְׁט גוּטֶע וֶוערְן אוֹיס.........................יד
דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף דִיר.....................טו
יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר'ן בְּרֶענְגֶען מַיינֶע עֶלְטֶערְן צוּם בְּרִית פוּן מַיין אֵיינִיקְל....................טו
מֶען נֶעמְט דֶעם רֶבִּי'ן זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן מִיט דִי מְסוֹרָה פוּן דִי עֶלְטֶערְן...................טז
נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן צוּ נֶעמֶען אַ מֵיידְל זָאל מֶענֶעדְזְשְׁן אִינְגֶעלַייט....................יז
לָאז דִיךְ נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם פַארְדְרֵייעֶן דִי קָאפּ, שְׁטֵיי וַוייט פוּן מַחֲלֹקֶת....................יז
צוּ אַ צִיּוּן פוּן אַ צַדִיק קֶען מֶען גֵיין אַלֶעמָאל אוּן אִין אַלֶע צַייטְן....................יח
אֲפִילוּ עֶס גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע טֶעג, בְּלַייבְּט מֶען גֶעטְרֵיי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן .....יט
אַז דוּ וֶועסְט הִיטְן דִי אוֹיגְן, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח....................יט
נִישְׁט מְבַטֵל זַיין חֵדֶר אוּן שׁוּלֶע צוּלִיבּ דִי חֲתוּנָה פוּן מַיינֶע קִינְדֶער.................... כ
גֶעבּ אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ זַיין פְרַיינְדְלִיךְ מִיט דִי סֶעקְרֶעטֶערִי אִין אָפִיס....................כא
וַוייז נִישְׁט אַרוֹיס פַאר דַיין וַוייבּ קַיין שׁוּם דַאֲגוֹת חַס וְשָׁלוֹם....................כב
אָפְּשְׁוַוייגְן אוֹיף בִּזְיוֹנוֹת, אִיז גְרֶעסֶער פוּן פַאסְטְן....................כב
נֶעמְט דִי הֵיילִיגְסְטֶע תִּיקוּן, לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא....................כג
מִיט דַיינֶע שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חֲלוֹמוֹת, וַוייזְט מֶען דִיר שֵׁיינֶע זַאכְן פוּן הִימְל ..........כד
מַאכְט זִיךְ אַ גֶדֶר נִישְׁט צוּ קוּקְן אַייעֶר בַּעַל הַבַּיִת אִין פָּנִים....................כו
-אִיךְ בִּין מְקַנֵא דַיינֶע זְכוּתִים מִיט'ן טֵיילְן עֶסְן פַאר מִשְׁפָּחוֹת נִצְרָכִים....................כו
וָואס טוּט מֶען וֶוען דִי בַּאבֶּע וַוייזְט מָאוּדִיס פַאר דִי אֵיינִיקְלֶעךְ?....................כז

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## לֶערְנֶען שַׁ״ס אוֹיפְ׳ן סֵדֶר, אָדֶער עֶנְדֶערְשׁ דֶעם טֶעגְלִיכְן בְּלַאט?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ יָארְן גֶעהֶערְט אִיבֶּער דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן, אִיךְ בִּין אָבֶּער גֶעוֶוען פוּן דִי שְׁפִּיצְן אִין יְשִׁיבָה, מִיט גָאר שְׁטַארְקֶע כִּשְׁרוֹנוֹת, אוּן דֶערִיבֶּער הָאבּ אִיךְ עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְנֶעמֶען. וֶוען עֶס אִיז אָבֶּער גֶעקוּמֶען נָאךְ מַיין חֲתוּנָה, בִּין אִיךְ נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען, אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעמוּזְט בְּרֶעכְן אוּן אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען אוֹיפְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן מַסֶּכֶת סוּכָּה.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז יֶעצְט אוֹיבּ אִיךְ זָאל אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען שַׁ"ס אוֹיפְן סֵדֶר פוּן אָנְהוֹיבּ, אָדֶער זִיךְ צוּשְׁטֶעלְן צוּ וואוּ מֶען הַאלְט יֶעצְט אוֹיפְן סֵדֶר פוּנֶעם טֶעגְלִיכְן דַף גְּמָרָא אוּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם טֶעגְלִיכְן בְּלַאט?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, שׁוֹבְבִי״ם, כ״ב טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לפ״ק**

**תְּשׁוּבָה**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**עֶס אִיז גוּט צוּ הָאבְּן כַּמָּה שִׁיעוּרִים אִין שַׁ״ס; אַ שִׁיעוּר אִין שַׁ״ס כְּסִדְרָן, נָאכְדֶעם אִיבֶּערְגֵיין אֵיין מַסֶּכְתָּא הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, אוֹיךְ אַ שִׁיעוּר אִין לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְּמָרָא.**

**נִישְׁטָא קַיין זִיסֶערְס, נִישְׁטָא קַיין גֶעשְׁמַאקֶערְס - וִוי לֶערְנֶען גְּמָרָא, אַז**

מֶען לֶערְנְט גְמָרָא וֶוערְט מֶען נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט, דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעלֶערְנְט גְמָרָא, אִינְמִיטְן לֶערְנֶען אִיז עֶר אַיינְגֶעשְׁלָאפְן. עֶר חָלוֹמְ׳ט זִיךְ וִוי עֶר זֶעט דִי הֵיילִיגֶע תְּנָאִים, גֶעבְּט עֶר זֵיי אַ פְרֶעג: "זָאגְט מִיר, וואוּ אִיז דֶער גַן עֵדֶן? אִיךְ וִויל גֵיין צוּם גַן עֵדֶן", עֶנְטְפֶערְט אִים אַ תַּנָא: "דֶער גַן עֵדֶן אִיז דָא"; וַוייל וֶוען מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה, מֶען לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא - דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע גַן עֵדֶן.

דוּרְךְ לֶערְנֶען גְמָרָא פַארְרֶעכְט מֶען אַלֶעס. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה פֶּרֶק ד, הֲלָכָה ח): "כֵּיוָן שֶׁקִּבַּלְתֶּם עֲלֵיכֶם עוֹל תּוֹרָה, מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילּוּ לֹא חֲטָאתֶם מִיָּמֵיכֶם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ דֶעם עוֹל תּוֹרָה, דָאס הֵייסְט עֶר נֶעמְט זִיךְ פָאר צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "רֶעכְן אִיךְ אִים כְּאִילּוּ עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט".

לֶערְן אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, זָאג דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא, אַזוֹי הָאט דֶער רֶבִּי אוּנְז גֶעלֶערְנְט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "אֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר", אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, "וּמִמֵּילָא יָבִין", אוּן בַּיים סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין. "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל, רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, וָואס דָאס אַלֵיינְס - אַז מֶען וִויל גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין - מַאכְט אַז עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, נָאר מֶען זָאל בְּלוֹיז זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כְּסֵדְרָן אוּן מֶען וֶועט שׁוֹין פוּן זִיךְ אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ, מַה בְּכָךְ", אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל - וֶועט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין בַּיים צְוֵוייטְן מָאל; אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דֶעם צְוֵוייטְן מָאל - אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, "כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: 'לִגְמוֹר, וַהֲדַר לִסְבֹּר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר', שֶׁנֶּאֱמַר 'גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה'",

וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן, אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי װערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר לֶערְנֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין, "כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד, לְגָמְרָם, וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל, וּלְגָמְרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין וְכוּ'", וַוייל אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ; מֶען אִיז זוֹכֶה אִיבֶּערְצוּגֵיין יֶעדֶע זַאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט דָארְט: "וְדִבֵּר הַרְבֵּה מְאֹד בְּעִנְיָן זֶה, וְאִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר דְּבָרִים אֵלּוּ בִּכְתָב הֵיטֵב, אֲבָל בֶּאֱמֶת הוּא דֶּרֶךְ עֵצָה טוֹבָה מְאֹד בְּעִנְיַן הַלִּמּוּד, כִּי עַל יְדֵי זֶה יְכוֹלִים לִזְכּוֹת לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, לִגְמֹר כַּמָּה וְכַמָּה סְפָרִים, וְגַם יִזְכֶּה לְהָבִין הַדְּבָרִים יוֹתֵר מֵאֲשֶׁר הָיָה לוֹמֵד בְּדִקְדּוּק גָּדוֹל, כִּי זֶה מְבַלְבֵּל מְאֹד מִן הַלִּמּוּד", דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּנֶעם דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זוּכְן צוּ פַארְשְׁטֵיין גְלַייךְ וֶוען מֶען לֶערְנְט, נָאר מֶען זָאל לֶערְנֶען אַסַאךְ אָן פַארְשְׁטֵיין, בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין.

וֶוען מֶען לֶערְנְט אוֹיף דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד אִיז מֶען זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען אַסַאךְ מֶער וִוי וֶוען מֶען לֶערְנְט שְׁטֵייט אוּן מֶען קְלֶערְט אַרַיין אִין יֶעדֶע וָוארְט, וָואס דָאס שְׁטֶערְט נָאר דָאס לֶערְנֶען, "וְכַמָּה בְּנֵי אָדָם פָּסְקוּ מִלִּמּוּדָם לְגַמְרֵי עַל יְדֵי רִבּוּי הַדִּקְדּוּקִים שֶׁלָּהֶם, וּמְאוּמָה לֹא נִשְׁאַר בְּיָדָם", אוּן זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ לֶערְנֶען צוּלִיב דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעקְוֶועטְשְׁט וְכוּ'.

"אֲבָל כְּשֶׁיַּרְגִּיל עַצְמוֹ לִלְמֹד בִּמְהִירוּת כַּנִּזְכָּר לְעֵיל, בְּלִי דִּקְדּוּקִים הַרְבֵּה, הַתּוֹרָה תִּתְקַיֵּם בְּיָדוֹ, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, גְּמָרָא וּפוֹסְקִים כֻּלָּם, וְתַנַ"ךְ וּמִדְרָשִׁים וְסִפְרֵי הַזּוֹהַר וְקַבָּלָה, וּשְׁאָר סְפָרִים כֻּלָּם", אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעלֶערְהֵייט - אַזוֹי וִוי אוֹיבְּן דֶערְמַאנְט, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ; עֶר וֶועט לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה - גְּמָרָא מִיט אַלֶע פּוֹסְקִים, תַּנַ"ךְ, מִיט אַלֶע מִדְרָשִׁים, אוּן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, "וּכְבָר מְבֹאָר שִׂיחָתוֹ שֶׁל רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁטּוֹב לְאָדָם שֶׁיַּעֲבֹר בְּחַיָּיו בְּכָל הַסְּפָרִים שֶׁל

הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה", אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט, אַז מִיר זָאלְן דוּרְכְלֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ. עַיֵּין שָׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וִוי אַזוֹי בִּין אִיךְ מַסְבִּיר פַאר מַיין טַאטֶע אַז בְּרֶסְלֶב אִיז גוּט פַאר מִיר?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען מְקוּרָב צוּ וֶוערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיךְ הֶער יֶעדְן טָאג דִי שִׁיעוּרִים פוּן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, מִיטְ'ן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד בִּין אִיךְ זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ תּוֹרָה יֶעדְן טָאג. יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזּוּק.

אִיךְ הָאבּ אָבֶּער אַ פְּרָאבְּלֶעם אַז מַיין טַאטֶע אִיז זֵייעֶר בְּרוֹגֶז אַז אִיךְ בִּין מְקוּרָב צוּ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אוּן צוּ בְּרֶסְלֶב, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אִים מַסְבִּיר זַיין אַז עֶס אִיז אַ גוּטֶע פְּלַאץ פַאר מִיר?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, שׁוֹבְבִי"ם, כ"ג טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעבּ אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ מְצַעֵר זַיין דַיין טַאטֶע חַס וְשָׁלוֹם; טַעֲנָה נִישְׁט מִיט אִים, מִיט אַ טַאטֶע מַאמֶע טַעֲנָה'ט מֶען נִישְׁט; דוּ זָאלְסְט וַוייטֶער לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן זִיךְ פִירְן מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, וְסוֹף הַכָּבוֹד לָבוֹא.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעהַאט שְׁרֶעקְלִיכֶע רְדִיפוֹת פוּן זַיין טַאטֶע, זַיין טַאטֶע הָאט אוֹיפְגֶעהֶעצְט זַיין וַוייבּ זִי זָאל זִיךְ חַס וְשָׁלוֹם גֶטְ'ן פוּן רֶבִּי נָתָן. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעוַוארְט מִיט גֶעדוּלְד, עֶר הָאט גֶעשְׁוִויגְן, עֶר הָאט וַוייטֶער מְכַבֵּד גֶעוֶוען זַיין טַאטֶע. אַלֶעס וָואס זַיין טַאטֶע הָאט אִים

גֶעזָאגְט הָאט עֶר גֶעפָּאלְגְט, אוֹיסֶער זַאכְן וָואס הָאט מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. בִּיז שְׁפֶּעטֶער פְלֶעגְט רֶבִּי נָתָנ'ס טַאטֶע זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן פַאר רֶבִּי נָתָן אוּן אִים רוּפְן מִיט אַ טִיטְל ר', וָואס גֶעוֶוענְלִיךְ אַ טַאטֶע רוּפְט נִישְׁט אַן אֵייגְן קִינְד ר'; עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן: "אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל נַחַת פוּן דִיר, דוּ בִּיסְט מִיךְ אַזוֹי מְכַבֵּד, דֶערִיבֶּער רוּף אִיךְ דִיךְ מִיט אַ טִיטְל ר'".

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, גֵיי אִין שׁוּל דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת, דָאס זָאל זַיין דַיין גְרֶעסְטֶע שְׁטָאלְץ. זַיי פְרֵיילִיךְ מִיט יֶעדֶע מִצְוָה אוּן זַיי זִיךְ קוֹבֵעַ שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל חֶלְקֵי הַתּוֹרָה עַל פִּי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), לֶערְן אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת יֶעדְן טָאג, גִיס זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל אִים וָואס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף דִיר, שְׁמוּעֶס מִיט אִים אַזוֹי וִוי מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט אַ גוּטֶער פְרֵיינְד, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ פִירְן מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם אוּן בְּעִיקָר צוּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן. וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק, סִימָן סט): "מִי שֶׁאוֹהֵב אֶת הַצַּדִּיק, צָרִיךְ לִשְׁמֹר אֶת הַצַּדִּיק, שֶׁלֹּא יֵצֵא עָלָיו שֵׁם רָע", וֶוער עֶס הָאט לִיבּ דֶעם צַדִּיק דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיפְן צַדִּיק; אַלֶע קוּקְן דִיךְ נָאךְ, אַלֶע זוּכְן פְּשָׁטִים פַארְוָואס דוּ בִּיסְט אָנְגֶעקוּמֶען קַיין בְּרֶסְלֶב; זָאלְסְטוּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן זִיךְ נִישְׁט טַעְנָה'ען מִיט קֵיינֶעם, אַזוֹי וֶועלְן דַיינֶע עֶלְטֶערְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין צַעַר פוּן דִיר, אַדְרַבָּה זֵיי וֶועלְן בֶּעטְן אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן.

וֶועסְט אַלֵיינְס זֶען, בְּמֶשֶׁךְ הַזְּמַן אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ נִישְׁט טַעְנָה'עֶן, דוּ וֶועסְט סוֹבֵל זַיין דִי בִּזְיוֹנוֹת, דוּ וֶועסְט נִישְׁט גֵיין אִין וִיכּוּחִים מִיט זֵיי - וֶועלְן אַלֶע הָאבְּן נַחַת פוּן דִיר. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו.) אוֹיפְן פָּסוּק (דְּבָרִים ו, ה): "וְאָהַבְתָּ אֵת ה' אֱלֹהֶיךָ" - זָאלְסְט זֶען עֶס זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען אַ קִידּוּשׁ הַשֵּׁם דוּרְךְ דִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל בַּאלִיבְּט וֶוערְן דוּרְךְ דִיר. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין וָואס זָאגְן מֶענְטְשְׁן? "אַשְׁרֵי אָבִיו שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה", ווָאוּיל זֶענֶען זַיינֶע עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה; "אַשְׁרֵי רַבּוֹ שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה", ווָאוּיל אִיז פַאר זַיין רֶבִּי וָואס

הָאט אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה; "אוֹי לָהֶם לַבְּרִיּוֹת שֶׁלֹּא לָמְדוּ תּוֹרָה", וַויי אִיז פַאר דִי מֶענְטְשְׁן וָואס לֶערְנֶען נִישְׁט קַיין תּוֹרָה; אוֹיף אֵיינֶעם וָואס פִּירְט זִיךְ עֶרְלִיךְ זָאגְט מֶען 'קוּקְט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, ווִיבַּאלְד עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה פִּירְט עֶר זִיךְ אוֹיף אַזוֹי עֶרְלִיךְ', אוֹיף אִים זָאגְט דֶער פָּסוּק (יְשַׁעְיָה מט, ג): "וַיֹּאמֶר לִי עַבְדִּי אָתָּה, יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּארִימְט זִיךְ מִיט אַזַא אֵיינֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### ווי אַזוֹי הֶעלְף אִיךְ מַיין טַאטֶע וָואס לִיגְט אִין אַ טִיפֶע מָרָה שְׁחוֹרָה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעוואַלְדִיגֶע אוֹר פוּן אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה וָואס דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַארְשְׁפְּרֵייט אוֹיף דִי וֶועלְט, בִּפְרַט צְווִישְׁן הֵיימִישֶׁע חֲסִידִי'שֶׁע קְרֵייזְן.

אִיךְ שְׁרַייבּ דָא וֶועגְן מַיין טַאטֶע זָאל זַיין גֶעזוּנְט, אַ וואוֹילֶער אִיד אִין דִי מִיטֶעלֶע יָארְן, וָואס אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ טִיפֶע מָרָה שְׁחוֹרָה פוּן וָואס עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְזֶען. עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען בַּיי דָאקְטוֹרִים, טֶערָאפִּיסְטְן, שְׁטַארְקֶע מֶעדֶעצִין, אָבֶער גָארְנִישְׁט הֶעלְפְּט נִישְׁט. עֶר אִיז אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן אוּן מְיוּאָשׁ פוּן זַיין מַצָּב, אַז עֶר הָאט שׁוֹין אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעגֶעבְּן אוֹיף זִיךְ רַחֲמָנָא לִיצְלָן. אִיךְ פִּיל אַז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע הָאפֶענוּנְג אִיז אַרַיינְצוּשַׁיינֶען אִין אִים דֶעם רֶבִּינְ'ס אוֹר אוּן עֵצוֹת אוֹיף אַ שְׁטַארְקֶע פַארְנֶעם, בִּיז עֶר וֶועט זִיךְ בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ אִינְגַאנְצְן אַרוֹיסְזֶען פוּן זַיין מַצָּב; דִי שְׁאֵלָה אִיז ווִי אַזוֹי הוֹיבְּט מֶען אָן?

אֶפְשָׁר קֶען אִיךְ אִים בְּרֶענְגֶען צוּם ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר אַ קוּרְצֶע שְׁמוּעֶס? פָּשׁוּט צוּרִיק אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין אִים אַ שְׁטִיקְל חַיּוּת אוּן אִים מְחַזֵּק זַיין אָנְצוּגֵיין ווַייטֶער; מִיר זֶענֶען אוֹבֵד עֵצוֹת אוּן מִיר קוּקְן אַרוֹיס אוֹיף יְשׁוּעַת הַשֵּׁם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, שׁוֹבָבִי"ם, כ"ג טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוען דִי מְפִיצִים גֵייעֶן אִין שׁוּלְן מִיט דִי הֵייליגֶע סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים, מִיט דִי הֶערְלִיכֶע גִּלְיוֹנוֹת - לַאכְט מֶען פוּן זֵיי, אוּן אַלֶע זָאגְן 'וָואס פֶעלְט אוֹיס דִי זַאכְן? וֶוער דַארְף חִיזּוּק? וֶוער אִיז צֶעבְּרָאכְן? אַ נֵייעֶ וֶועלְט הַיינְט גֶעוָוארְן, מֶען רֶעדְט אַזוֹיפִיל פוּן חִיזּוּק...' מֶען לַאכְט אָפּ, בִּיז עֶס הוֹיבְּט אָן אִיבֶּערְגֵיין וָואס גֵייט אִיבֶּער... דֶעמָאלְט וִויל מֶען חִיזּוּק; וָואלְט מֶען זִיךְ אָנְגֶעגְרֵייט מִיטְן רֶבִּינְ'ס לִימוּדִים - וָואלְט דִי לֶעבְּן אַרִיבֶּער שֵׁיין אוּן זִיס.

יוֹסֵף הַצַּדִּיק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית מא, לה-לו), מֶען דַארְף זִיךְ אָנְגְרֵייטְן אִין דִי פֶעטֶע יָארְן, דָאס מֵיינְט מֶען דִי יוּנְגֶע יָארְן, וַוייל בַּאלְד קוּמְט דִי הוּנְגֶער יָארְן אוּן מֶען וֶועט שְׁטַארְבְּן, דָאס אִיז בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם; אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן טְרַאכְט מֶען 'וָואס דַארְף מֶען רֶעדְן אַזוֹיפִיל פוּן אֱמוּנָה? וָואס דַארְף מֶען רֶעדְן פוּן חִיזּוּק?' עֶס אִיז אַ בְּחִינָה פוּן דִי זִיבְּן פֶעטֶע יָארְן, מֶען לַאכְט זִיךְ אוֹיס; בִּיז מֶען וֶוערְט עֶלְטֶער, אָדֶער אֲפִילוּ וֶוען מֶען אִיז יוּנְג אוּן עֶס הוֹיבְּט אָן אִיבֶּערְגֵיין אוֹיפְן מֶענְטְשׁ וָואס גֵייט אִיבֶּער, דֶעמָאלְט זֶעט מֶען; דֶער וָואס הָאט זִיךְ אָנְגֶעגְרֵייט מִיט אַסַאךְ אֱמוּנָה - דֶער קֶען אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן, אוּן אַז מֶען הָאט נִישְׁט גֶעהֶערְט אָן אַ שִׁיעוּר חִיזּוּק אוֹיף אֱמוּנָה - אִיז גָאר שְׁרֶעקְלִיךְ, מֶען פַאלְט אַרַיין אִין עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, בִּיז דִי לֶעבְּן אִיז אַ טוֹיטֶע לֶעבְּן.

גֵיי שְׁפַּאצִירְן מִיט דַיין טַאטֶע, נֶעם אִים אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ; עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן שְׁטוּבּ, וַוייל פוּן זִיצְן אִין שְׁטוּבּ טֶעג אוּן וָואכְן אִיז זֵייעֶר נִישְׁט גוּט, מֶען קֶען אִינְגַאנְצְן צוּגְרוּנְד גֵיין. גֵיי מִיט אִים שְׁפַּאצִירְן, רֶעד מִיט אִים עַל דָא וְעַל הָא, דֶערְצֵייל אִים פוּן דַיין לֶעבְּן, דֶערְצֵייל אִים פוּן וָואס דוּ לֶערְנְסְט, פוּן דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, דָאס וֶועט אִים פְרֵיילִיךְ מַאכְן.

גְרֵייט זִיךְ אָן יֶעצְט אִין דַיינֶע פֶעטֶע יָארְן מִיט אַסַאךְ חִיזּוּק אוֹיף אֱמוּנָה,

לֶערְן דִי הֵיילִיגֶער סְפָרִים פוּן רֶבִּי׳ן, חַזֶר דָאס אָן אַ שִׁיעוּר מָאל - וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען אַ קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, בִּיז דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, בַּיי דִיר אוּן נֶעבְּן דִיר, רֶעד צוּ אִים, שְׁמוּעֶס מִיט אִים, דַאנְק אוּן לוֹיב אִים - אַזוֹי וֶועסְטוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## קֶען מֶען אַיינְטֵיילְן דִי חַ״י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אִין לוֹיף פוּנֶעם טָאג?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר גֶערַאטֶעוֶועט דָאס לֶעבְּן מִיט דִי עֵצוֹת, דְרָשׁוֹת, אוּן חִיזוּק; וֶוען אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָנְגֶעטְרָאפְן אִין דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א בִּין אִיךְ גֶעוֶוען מַמָשׁ אוֹיפְן שְׁוֶועל אַרֵיינְצוּפַאלְן אִין תְּהוֹם פוּן טוּמְאָה, אוּן אִיךְ בִּין גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן מַמָשׁ דִי לֶעצְטֶע מִינוּט, אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אַבִּיסְל זִיךְ אוֹיפְצוּהֵייבְּן.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וֶועלְכֶע תִּיקוּנִים אִיךְ דַארְף טוּן יֶעצְט אִין דִי טֶעג פוּן שׁוֹבְבִי"ם, אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר גֶעבְּן אַ וֶועג מְתַקֵן צוּ זַיין.

אוֹיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּערְן זָאגְן חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוֹיבּ דָאס דַארְף זַיין אוֹיף אֵיינְמָאל, אָדֶער קֶען מֶען עֶס אַיינְטֵיילְן אִין עֶטְלִיכֶע מָאל אַ טָאג, יֶעדֶעס מָאל אַבִּיסְל, אוֹיבּ דָאס הֶעלְפְט אוֹיךְ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, שׁוֹבְבִי״ם, כ״ג טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

לֶערְנֶען תּוֹרָה אִיז דִי גְרֶעסְטֶע תִּיקוּן צוּ מְתַקֵן זַיין וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען, בִּפְרַט לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת; דָאס לוֹיטֶערְט אוּן רֵיינִיגְט דִי נְשָׁמָה. וֶוער

רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען קֶען זָאגְן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת; דָאס נֶעמְט אַרָאפּ יֶעדֶע פְלֶעק, יֶעדֶע פְּגָם - פוּן דִי נְשָׁמָה.

עֶס דַארְף נִישְׁט זַיין אִין אֵיין צִי, מֶען קֶען צֶעטֵיילְן דִי אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת; מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט זָאגְן פַאר דִי בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה, אוֹיבּ אִיז שְׁוֶוער צוּ זָאגְן אִין אֵיין צִי קֶען מֶען דָאס צֶעטֵיילְן אוֹיף זֶעקְס, זֶעקְס, זֶעקְס; אִינְדֶערְפְרִי זֶעקְס, נָאכְמִיטָאג זֶעקְס אוּן בַּיינַאכְט זֶעקְס. מוֹהֲרָא"ש זָאגְט דָאס אִיז מְרוּמָז אִין רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער אִין דִי עֶרְשְׁטֶע תּוֹרָה, דֶער רֶבִּי זָאגְט: "עִיקָר הַכְנָעָתוֹ שֶׁל יֵצֶר הָרָע, הוּא עַל יְדֵי הַתּוֹרָה", דֶער עִיקָר עֵצָה ווִי אַזוֹי מֶען קֶען פָּטוּר וֶוערְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע אִיז דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה, "וְהַתּוֹרָה הִיא בְּחִינַת וָי"ו", דִי תּוֹרָה אִיז אַזוֹי ווִי דִי אוֹיסְזֶען פוּנֶעם אוֹת ו', וַוייל דִי לוּחוֹת אִיז גֶעוֶוען בְּרֵייט זֶעקְס טְפָחִים אוּן לַאנְג זֶעקְס טְפָחִים, "וְהַוָי"ו הוּא צוּרַת מַקֵּל", דִי אוֹת ו' זֶעט אוֹיס ווִי אַ שְׁטֶעקְן, "כִּי הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה מַכְנִיעַ אֶת הַיֵּצֶר הָרָע שֶׁרוֹצֶה לַעֲשׂוֹת אֶת הָאָדָם מְשׁוּגָע מַמָּשׁ חַס וְשָׁלוֹם", דִי תּוֹרָה אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ שְׁטֶעקְן, פוּנְקְט ווִי אַ מְשׁוּגֶע'נֶער פַארְשְׁטֵייט נָאר וֶוען מֶען שְׁלָאגְט אִים מִיט אַ שְׁטֶעקְן, אַזוֹי אוֹיךְ דֶער מֶענְטְשׁ וָואס זִינְדִיגְט, וָואס עֶר אִיז אוֹיךְ אַ מְשׁוּגֶע'נֶער, פַארְשְׁטֵייט אוֹיךְ נָאר וֶוען מֶען שְׁלָאגְט אִים מִיט דִי תּוֹרָה, נָאר דִי תּוֹרָה וֶועט אִים מַאכְן אוֹיפְהֶערְן זִינְדִיגְן; דָאס אִיז מִשְׁנָיוֹת וָואס אִיז זֶעקְס סְדָרִים, דָאס אִיז דִי אוֹת ו', אוּן אוֹיךְ אִיז דָאס דִי אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת וָואס מֶען צֶעטֵיילְט אִין דְרַיי מָאל זֶעקְס.

זָאג יֶעדְן טָאג מִשְׁנָיוֹת אוּן בְּלֶעטֶער גְמָרָא, דָאס וֶועט דִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן אַלֶע בְּלָאטֶעס, דָאס וֶועט דִיךְ אָפְּוַואשְׁן פוּן אַלֶע פְלֶעקְן. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִילּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלַן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ

הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיב וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ", וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דֶעם שְׁמוּעֶס, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג): "צִי תּוֹרָה קֶען אוֹיךְ הֶעלְפְן אַזַא אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי עֶקֶלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה, רַחֲמָנָא לִצְלָן?" הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים אוּן גֶעזָאגְט: "דוּ וֵוייסְט ווִי גְרוֹיס דֶער כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז? תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס"; אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס וֵוייקְט זִיךְ אִין דִי עֶקֶלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה, רַחֲמָנָא לִצְלָן, וֶועט דִי תּוֹרָה אִים אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן זַיין בְּלָאטֶע אוּן עֶר וֶועט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

אָנְגֶעצֵינְדְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס לִיכְט אִין אַלֶע אִידִישֶׁע הֶערְצֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח, י״ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

דָא הָאסְטוּ נָאךְ אַ מַעֲשֶׂה פַאר דִי קִינְדֶער עֲצָתוֹ אֱמוּנָה:

דִי שְׁטוּבּ אִיז רֵיין אוּן צוּזַאמְגֶענוּמֶען, מֶען שְׁפִּירְט שׁוֹין אִין דִי לוּפְט אַ שְׁטַארְקֶע פְרֵיילִיכְקֵייט, עֶס קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער שַׁבָּת, דֶער גְרוֹיסֶער טָאג וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה, דֶעם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ.

אַלֶע קִינְדֶער זֶענֶען שְׁטִיל, דִי מַאמֶע צִינְדְט דִי לִיכְט. חַנָּה צִירְל שְׁטֵייט נֶעבְּן אִיר מַאמֶע, זִי קוּקְט זִיךְ גוּט צוּ, וַוייל נָאךְ אַבִּיסְל הָאט זִי שׁוֹין אוֹיךְ חֲתוּנָה, זָאל זִי וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ צִינְדְן דִי הֵיילִיגֶע שַׁבָּת לִיכְט.

דִי מַאמֶע לֵייגְט אִירֶע הֶענְט אוֹיפְן פָּנִים, זִי מַאכְט דִי בְּרָכָה ״לְהַדְלִיק נֵר שֶׁל שַׁבָּת״ אוּן זִי רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. זִי בֶּעט פַאר דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. זִי בֶּעט אוֹיךְ פַאר דִי טֶעכְטֶער זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ אַ מַאן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַ תַּלְמִיד חָכָם.

דֶער טַאטֶע, דֶער צַדִּיק רֶבִּי נָתָן - זִיצְט בַּיים טִישׁ, עֶר זִינְגְט אוֹיפְן קוֹל דִי הֵיילִיגֶע שִׁיר הַשִּׁירִים, אוּן עֶר זָאגְט פַאר זַיין וַוייבּ אוּן פַאר זַיינֶע טֶעכְטֶער זֵיי זָאלְן בֶּעטְן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ וִויסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת. דֶער צַדִּיק בֶּעט זֵיי: ״זָאגְט דִי וֶוערְטֶער יֶעדֶע וָואךְ וֶוען אִיר צִינְדְט דִי לִיכְט ׳הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי וִוי אִיךְ צִינְד יֶעצְט אָן דִי לִיכְט,

אִיךְ מַאךְ לִיכְטִיג אִין שְׁטוּב, אַזוֹי זָאל אָנְגֶעצִינְדְן וֶוערְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס לִיכְט אִין אַלֶע אִידִישֶׁע הֶערְצֶער, עֶס זָאל זֵיי לִיכְטִיג וֶוערְן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן״.

שְׁטִילֶערְהֵייט, אוּנְטֶער דִי הֶענְט - קוּמְט אַרוֹיס אַ טְרֶער פוּן דִי מַאמֶע׳ס אוֹיג, זִי הָאט אַזוֹי רַחְמָנוּת אוֹיף אִידְן; ׳אַ שָׁאד אַז מֶענְטְשְׁן שְׁפִּירְן נִישְׁט דִי טַעַם פוּן גַן עֵדֶן אַזוֹי וִוי אִיךְ שְׁפִּיר, אַ שָׁאד אַז מֶענְטְשְׁן לַיידְן אַזוֹיפִיל צַעַר אִין לֶעבְּן, וָואלְטְן זֵיי גֶעוְוּיסְט פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן דַאנְקֶען אוּן פוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וָואלְט זֵיי אַזוֹי גוּט גֶעוֶוען׳.

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, וֶוען דִי מַאמֶע צִינְדְט דִי לִיכְט, דִי אִינְגְלֶעךְ שְׁטֵייעֶן אִין דֶער זַייט שְׁטִיל, אוּן דִי מֵיידְלֶעךְ שְׁטֵייעֶן בַּיים טִישׁ מִיט דִי הֶענְט אוֹיפְן פָּנִים אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי תְּפִלָּה: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי וִוי אִיךְ צִינְד יֶעצְט אָן דִי לִיכְט, אִיךְ מַאךְ לִיכְטִיג אִין שְׁטוּב, אַזוֹי זָאל אָנְגֶעצִינְדְן וֶוערְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס לִיכְט אִין אַלֶע אִידִישֶׁע הֶערְצֶער, עֶס זָאל זֵיי לִיכְטִיג וֶוערְן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן״.

בֶּעט דֶעם מֶעלֶער זָאל מָאלְן אַ בִּילְד וִוי דִי מַאמֶע שְׁטֵייט בַּיים טִישׁ מִיט דִי הֶענְט אוֹיפְן פָּנִים, אוּן פוּן דֶער זַייט שְׁטֵייט אַ קְלֵיין מֵיידְל, אוֹיךְ מִיט דִי הֶענְט אוֹיפְן פָּנִים, אוֹיךְ אַ אִינְגְל שְׁטֵייט אִין דֶער זַייט, אוּן אוֹיבְן אָן זִיצְט דֶער טַאטֶע. דִי מַאמֶע זָאל הָאבְּן אַ וַוייסֶע שִׁירְצְל, דִי מֵיידְל זָאל הָאבְּן דִי הָאר צוּזַאמְגֶענוּמֶען; אַזוֹי וֶועלְן דִי טִיטְשֶׁערְס אִין בֵּית פֵיגָא וִויסְן וִוי צוּ לֶערְנֶען דִי קִינְדֶער דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן צְנִיעוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

מְחַנֵךְ זַיין קִינְדֶער צוּ גֵיין נָאךְ צְדָקָה, וִוי עֶרְלִיכֶע אִידְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת וַיִּגַּשׁ, ט׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי

בְּנוֹגֵעַ דִי פּוּשְׁקֶעס אִין שְׁטֶעטְל, וִוי דִי קִינְדֶער הַאקְן אִין שׁוּל אוּן

מֶענְטְשְׁן וֶוערְן נֶערְוֶועז; לְעֵת עַתָּה אִיז נִישְׁטָא פַאר דִי קִינְדֶער נָאךְ אַ פְּלַאץ וואו זֵיי זָאלְן צוּזַאמְנֶעמֶען צְדָקָה, נָאר אִין שׁוּל; זָאלְסְטוּ מְחַזֵק זַיין אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן גֵיין מִיט דִי פּוּשְׁקֶעס אִין שׁוּל, אוּן אַז מֶענְטְשְׁן וֶוערְן נֶערְוֶועז אוּן הָאבְּן טַעֲנוֹת - זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג מַאכְן.

אִיךְ וויל אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, אוּן אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן וָואס אַן עֶרְלִיכֶער אִיד טוּט - אִיז צוּזַאמְנֶעמֶען גֶעלְט פַאר צְדָקָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מַאכְן עֶקְסֶערְסַייז מִיט דִי עֶלְטֶערֶע מֵיידְלֶעךְ בִּצְנִיעוּת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ט׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, מְנַהֶלֶת בֵּית פֵיגָא, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

עֶס אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ מֶען זָאל מַאכְן מִיט דִי עֶלְטֶערֶע מֵיידְלֶעךְ עֶקְסֶערְסַייז, עֶס אִיז גוּט אוּן גֶעזוּנְט בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ עֶס דַארְף זַיין בִּצְנִיעוּת; נִישְׁט מִיט קַיין הוֹיזְן אָדֶער לֶעגִינְגְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מִשְׁנַיוֹת רֵיינִיגְט אוֹיס אַ פַארְשְׁמִירְטֶע נְשָׁמָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, שׁוֹבָבִי״ם, י״ט טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

זַיי שְׁטַארְק מִיט זָאגְן יֶעדְן טָאג פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לִימוּד מִשְׁנַיוֹת, עֶס אִיז מְזַכֵּךְ וּמְטַהֵר דִי נֶפֶשׁ, רוּחַ וּנְשָׁמָה. נִישְׁטָא אַ זַאךְ וָואס זָאל אַזוֹי אוֹיסְרֵיינִיגְן דִי נְשָׁמָה - ווִי מִשְׁנַיוֹת;

מִשְׁנָה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת נְשָׁמָה, אֲפִילוּ מֶען הָאט פַארְשְׁמִירְט דִי נְשָׁמָה מִיט זִינְדִיגְן אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן, דוּרְךְ מִשְׁנַיוֹת וֶוערְט עֶס צוּרִיק רֵיין.

אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט - זָאלְסְטוּ וַוייטֶער לֶערְנֶען אָן פַארְשְׁטֵיין; זָאג דִי וֶוערְטֶער פוּן מִשְׁנַיוֹת - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ דִי הֶעכְסְטֶע דַרְגָּא פוּן תְּשׁוּבָה. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן יא): "עַל יְדֵי הָאֲמִירוֹת", דוּרְךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה, "הוּא מֵאִיר לוֹ לְכָל הַמְּקוֹמוֹת שֶׁצָּרִיךְ לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", קוּמְט מֶען צוּ תְּשׁוּבָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**רֶעד, שְׁרֵיי, וֵויין אוּן שְׁמוּעֶס, קְרֶעכְץ זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, שׁוֹבָבִי"ם, י"ט טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק**

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

פְּרוּבִּיר אוֹיס דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, דַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן וֶועט דִיר וֶוערְן זִיס. גֵיי יֶעדְן טָאג אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ אָדֶער אַ שְׁטוּבּ, אָדֶער אִין פֶּעלְד, אָדֶער אִין דַיין קַאר, לֶעשׁ אוֹיס דַיין טֶעלֶעפָאן אוּן רֶעד זִיךְ אוֹיס פַאר אַפָאר מִינוּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁמוּעֶס מִיט אִים, דֶערְצֵייל אִים וִוי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט זַיין גוּט אוּן וִוי דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְגְט שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת; רֶעד, שְׁרֵיי, וֵויין אוּן שְׁמוּעֶס, קְרֶעכְץ זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִיךְ זָאג דִיר אַלֶעס וֶועט זִיךְ טוֹישְׁן, עֶס וֶועט דִיר גְרִינְגֶער וֶוערְן, וֶועסְט שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְט שְׁפִּירְן עֶר אִיז מִיט דִיר, בַּיי דִיר אוּן נֶעבְּן דִיר.

אִין אָנְהוֹיבְּן וֶועט עֶס זַיין אַבִּיסְל שְׁוֶוער, אָבֶּער עַקְשְׁן זִיךְ, לָאז נִישְׁט אָפּ, אוּן אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין וֶוערְטֶער וָואס צוּ רֶעדְן - זָאלְסְטוּ זָאגְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם" - אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, בִּיז דוּ וֶועסְט דוּרְכְבְּרֶעכְן אוּן דוּ וֶועסְט הָאבְּן וֶוערְטֶער.

...

## הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, מַאךְ אַ נֵס אִיךְ זָאל וֶוערְן פְּרֵיילִיךְ אוּן זִיךְ קֶענֶען לַיידְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, שׁוֹבְבִי"ם, י"ט טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

בֶּעטְס פַּאר אֵיין זַאךְ, בֶּעטְס פַּאר שִׂמְחָה, וַוייל אַז מֶען אִיז פְּרֵייליךְ - הָאט מֶען אַלֶעס, אוּן אוֹיב מֶען אִיז נִישְׁט פְּרֵיילִיךְ, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט לַיידְן - הָאט מֶען גָארְנִישְׁט.

זָאגְט דִי תְּפִלָּה יֶעדְן טָאג:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיךְ דַאנְק דִיךְ פַּאר אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט מִיט מִיר, דוּ בִּיסְט אַזוֹי גוּט צוּ מִיר, דוּ גֶעבְּסְט מִיר נָאר גוּטְס.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיךְ בֶּעט דִיךְ זֵייעֶר, מַאךְ אַ נֵס אִיךְ זָאל וֶוערְן פְּרֵייליךְ אוּן אִיךְ זָאל מִיךְ קֶענֶען דֶערְלַיידְן, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט מִיר, אִיךְ בִּין נִישְׁט פְּרֵיילִיךְ, אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט לִיבּ, אִיךְ לַייד, אִיךְ לֶעבּ נִישְׁט.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, רַאטֶעוֶוע מִיךְ, הֵייל מִיךְ אוֹיס, גֶעבּ מִיר אַ פְּרִישֶׁע גֵייסְט, אַ פְּרֵיילִיכְקֵייט, דוּ בִּיסְט דָאךְ אַ כֹּל יָכוֹל, דוּ קֶענְסְט אַלֶעס טוּן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, אִיךְ טוּ תְּשׁוּבָה, אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין וואוֹיל, אִיךְ גֵיי נָאר טוּן גוּטֶע זַאכְן, הָאבּ אוֹיךְ מִיר רַחְמָנוּת, זֶע מַיין צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ, אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְרָאכְן, אִיךְ בִּין אַזוֹי פַארְוֵוייטָאגְט, אִיךְ קֶען מֶער נִישְׁט, אָנָּא ה' הוֹשִׁיעָה נָא, אָנָּא ה' הַצְלִיחָה נָא, אָנָּא הוֹשִׁעֵנִי.

בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַּאר דַיינֶעט וֶועגְן זָאלְסְטוּ מִיךְ אוֹיסְהֵיילְן אוּן פְּרֵיילִיךְ מַאכְן, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן".

זֶעט צוּ הֶערְן לֶעבֶּעדִיגֶע מוּזִיק, אוֹיךְ זָאלְט אִיר זַיין שְׁטַארְק זִיךְ אָפְּצוּגִיסְן אִינְדֶערְפְרִי בַּיים בֶּעט "נֶעגְל וַואסֶער", אַוֶועק צוּ נֶעמֶען דִי רוּחוֹת רָעוֹת.

...

### -דִי קִיאָסְק זָאל זַיין הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט גֶעפִילְטֶערְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, שׁוֹבָבִי״ם, כ׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לפ״ק

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

וָואס קֶען מֶען טוּן אַז דִי קִיאָסְק זָאל זַיין הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט גֶעפִילְטֶערְט? אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַזוֹיפִיל מָאל גֶעבֶּעטְן זָאלְסְט זִיכֶער מַאכְן אַז דִי קִיאָסְק אִיז כָּשֵׁר אוּן נָאכְאַלְץ זָאגְן מִיר אִינְגֶעלַייט אַז זֵיי פַּאלְן אַדוּרְךְ, זֵיי הָאבְּן וֶועגְן וִוי צוּ עֶפֶּענֶען דִי קָאמְפְּיוּטֶער אוּן קוּקְן מָאוִויס, אִם כֵּן מַה הוֹעִילוּ חֲכָמִים בְּתַקָּנָתָן, אוֹיבּ אַזוֹי וָואס דַארְף דִיךְ דֶעם קִיאָסְק...

אִיךְ בֶּעט דִיר נָאכְאַמָאל, טוּ אַלֶעס עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען קַיין מִכְשׁוֹל דוּרְךְ אוּנְז.

...

### -קוּם נִישְׁט דַאוֶוענֶען בַּיי מִיר אִין שׁוּל אוֹיבּ דוּ בִּיסְט מַמְשִׁיךְ מִיטְן שְׁמוּעֶסְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, שׁוֹבָבִי״ם, כ׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לפ״ק

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, בָּארָא פַּארְק**

אִיךְ הֶער צוּרִיק נִישְׁט גוּטֶע גְרִיסְן, אַז בַּיי דַיין טִישׁ אַרוּם דִיר שְׁמוּעֶסְט מֶען אָפּ אַ גַאנְצְן דַאוֶוענֶען, מֶען פַארְשֶׁעמְט דָאס דַאוֶוענֶען, מֶען פַארְשֶׁעמְט הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ; אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְן פַאר דִיר פֶּערְזֶענְלִיךְ בְּרִיוְון אִיבֶּער דֶעם.

וּבְכֵן וִויל אִיךְ קְלָאר זָאגְן, אִיךְ וִויל נִישְׁט זָאלְסְט וַוייטֶער קוּמֶען דַאוֶוענֶען בַּיי מִיר אִין שׁוּל אוֹיבּ דוּ בִּיסְט מַמְשִׁיךְ מִיטְן שְׁמוּעֶסְן, אַז דוּ ווִילְסְט וַוייטֶער שְׁמוּעֶסְן - זָאלְסְטוּ מֶער נִישְׁט קוּמֶען אִין מַיין שׁוּל, עֶס אִיז אַ פַארְשֶׁעמוּנְג פַאר מִיר, פַאר מוֹהֲרָא״שׁ, פַאר גַאנְץ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

...

## מִיט סַבְלָנוּת אוּן מִיט אִיר אוֹיפְבּוֹיעֶן וֶועט דָאס אַרִיבֶּערְגֵיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, שׁוֹבָבִי״ם, כ״ב טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת, וֶוער נִישְׁט צֶעפַאלְן, עֶס נֶעמְט צַייט בִּיז זַאכְן זֶענֶען זִיךְ מְסַדֵר, אַזוֹי גֵייט עֶס בַּיי אַסַאךְ יוּנְגֶע וַוייבְּלֶעךְ, זֵיי וֵויינֶען גַאנְצֶע טֶעג אוּן נֶעכְט, דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן.

דַיין וַוייבּ אִיז אַ טֵייעֶרֶע פְּרוֹי, זִי וֵויינְט טַאקֶע אַסַאךְ, אָבֶּער זִי אִיז אַ גוּטֶע אוּן אַ וואוֹילֶע, מִיט סַבְלָנוּת אוּן מִיט אִיר אוֹיפְבּוֹיעֶן וֶועט דָאס אַרִיבֶּערְגֵיין.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סַנְהֶדְרִין כב:): ״אֵין הָאִשָּׁה כּוֹרֶתֶת בְּרִית, אֶלָּא לְמִי שֶׁעֲשָׂאָהּ כְּלִי״, אַ פְּרוֹי וֶוערְט אֵיינְס מִיטְן מַאן וָואס מַאכְט אִיר פַאר אַ כֶּלִי, וָואס בּוֹיט אִיר אוֹיף אוּן הָאט אַסַאךְ סַבְלָנוּת.

בְּרוּדֶער, גֵיי יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת, שְׁרֵיי זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל אִים דַיין גַאנְצֶע הַארְץ, וֶועסְטוּ זֶען יְשׁוּעוֹת.

...

## וֶוער נִישְׁט פַארְוָואלְוְולְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר מַאכְן גְרוֹיסֶע נִיסִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, שׁוֹבָבִי״ם, כ״ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אַפָּאר מִינוּט, בֶּעט אִים אַלֶעס וָואס דוּ דַארְפְסְט אוּן דֶערְצֵייל אִים דַיינֶע סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים, אַזוֹי וֶועט דִיר אַלֶעס קְלָאר וֶוערְן אוּן פַארְעֶנְטְפֶערְט וֶוערְן.

זָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים, מַה טּוֹב אַז דוּ קֶענְסְט זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם ׳יוֹם תְּהִלִּים׳; מֶענְטְשְׁן זוּכְן וֶועגְן ווִי אַזוֹי צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען פְּרוּבִּירְט דָאס, מֶען פְּרוּבִּירְט יֶענְץ; זָאגְן תְּהִלִּים בְּרֶענְט נָאנְט צוּם

אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה", זָאגְן תְּהִלִּים בְּרֶענְגְט צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה.

אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן אָבֶּער אִיךְ בִּין טָרוּד מִיט שְׂמָחוֹת; פְּרַייטָאג בִּין אִיךְ גֶעוֶועןְ אִין שְׁטֶעטְל בַּיי אַ שִׂמְחָה, אַ בְּרִית בַּיי מַיין אֵיינִיקֶל, אוּן יֶעצְט דַארְף אִיךְ עֶנְדִיגְן מִיט דִי הֲכָנוֹת פַאר דִי חֲתוּנָה, אִיךְ דַארְף גֵיין אַיינְקוֹיפְן מִיטְן חָתָן; אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן, אִיךְ בֶּעט דִיר נָאר אֵיין זַאךְ, דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ, לָאז זִיךְ נִישְׁט נָאךְ, וֶוער נִישְׁט פַארְוָואלְוְולְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אוּן עֶר וֶועט דִיר מַאכְן גְרוֹיסֶע נִיסִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער צוּ זַיין פוּן דִי פַארְשֶׁעמְטֶע, נִישְׁט דִי וָואס פַארְשֶׁעמֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת וָאֵרָא, שׁוֹבָבִי"ם, כ"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, טְבֶרְיָ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט אִין שׁוּל אוּן אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה, וַוארְט מִיט סַבְלָנוּת, עֶס וֶועט מִיט דֶער צַייט גְרִינְגֶער וֶוערְן.

לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ פַארְלֵייגְן אוֹיף דִי לִימּוּד חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י, לֵייג מֶער אַ דָגוּשׁ אוֹיף דִי לִימּוּד חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י - וִוי אוֹיף אַנְדֶערֶע לִימּוּדִים, וַוייל חוּמָשׁ רַשִׁ"י - דָאס אִיז יִרְאַת שָׁמַיִם, דָאס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער קְדוּשָׁה וְטָהֳרָה.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ'; דִי גֶעבּ זִיךְ בְּעִיקָר אָפּ מִיט דִי קִינְדֶער, זָארְג נִישְׁט פַאר דִי בָּחוּרִים, עֶס אִיז צְוֵויי וֶועלְטְן; דוּ גֶעבּ דַיין גַאנְצֶע הַארְץ, מֹחַ אוּן כֹּחַ - פַאר דִי קִינְדֶער.

מַאךְ נִישְׁט קַיין נַייֶע זַאכְן מִיט לֶערְנֶען חוּמָשׁ כְּסִדְרָן; מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ

יָגֵן עָלֵינוּ הָאט מִיר גֶעזָאגְט בַּיים עֶפֶענֶען דִי חֵדֶר אִיךְ זָאל נִישְׁט מַאכְן אַנְדֶערְשׁ פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע צַדִּיקִים. וַוייל אֵיינֶער פוּן דִי אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן מִיר גֶעהָאלְפְן עֶפֶענֶען דִי חֵדֶר הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן גֵיין מִיט דִי פְּרָאגְרַאם פוּן 'בֶּן חָמֵשׁ לְמִקְרָא', לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער חוּמָשׁ כְּסִדְרָן, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיךְ זֵייעֶר גֶעוָוארֶענְט נִישְׁט מְשַׁנֶּה זַיין קַיין זוּז כָּל שֶׁהוּא פוּן דִי מְסוֹרָה ווִי דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעמַאכְט, נָאר לֶערְנֶען יֶעדֶע וָואךְ פוּן דִי פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ אוּן בַּיי כִּתָּה ג' אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, אִין כִּתָּה ה' אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען גְמָרָא, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ'; מַאךְ זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן פוּן דִי חִלּוּל הַשֵּׁם וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּיי עֶנְק אִין שְׁטָאט מִיטְן חוֹזֶק מַאכְן בָּרַבִּים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן פוּן בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידִים, עֶס וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן דָאס גֵיין רֶעדְן צוּם וְכוּ', מִיר דַארְפְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר דַארְפְן וַויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן הֲיִתָּכֵן דֶער רֶבִּי אִיז אַזוֹי פַארְשֶׁעמְט, הֲיִתָּכֵן בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידִים וָואס זֶענֶען דִי צַדִּיקֵי הַדּוֹר, דִי וָואס זֶענֶען מְקַבֵּל אַנְפֵּי שְׁכִינְתָּא - פוּן זֵיי לַאכְט מֶען אוּן מֶען שְׁפֶּעט.

עֶס אִיז טַאקֶע זֵייעֶר שְׁוֶוער וָואס מִיר גֵייעֶן אַרִיבֶּער, דִי בִּזְיוֹנוֹת וְכוּ'; אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְפְן מִיר ווִיסְן אַז דָאס אִיז מַתָּנוֹת פוּן רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי - אוֹיפְן וֶועג צוּרִיק פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל - הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ עֶנְק גֶעבְּרֶענְגְט אַ מַתָּנָה 'מַחֲלֹקֶת', פוּן יֶעצְט וֶועט מֶען קְרִיגְן אוֹיף מִיר", אוּן אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען. עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ מַחֲלֹקֶת אוֹיפְן רֶבִּי'ן וָואס הַאלְט נָאךְ אָן בִּיזְן הַיינְטִיגְן טָאג; וֶועסְטוּ פְרֶעגְן וָואס אִיז דִי מַתָּנָה? וָואס הָאט מֶען פוּן בִּזְיוֹנוֹת? נָאר ווִיסְן זָאלְסְטוּ, דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תרב): "תַּאֲמִינוּ לִי", גְלֵייבְּט מִיר, "שֶׁיֵּשׁ בְּיָדִי כֹּחַ לַעֲשׂוֹת שָׁלוֹם עִם כָּל הָעוֹלָם", אִיךְ הָאבּ דִי כֹּחַ צוּ מַאכְן שָׁלוֹם מִיט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, "שֶׁלֹּא יִהְיֶה שׁוּם חוֹלֵק עָלַי", קֵיינֶער זָאל מֶער נִישְׁט קְרִיגְן אוֹיף מִיר, "אֲבָל מָה אֶעֱשֶׂה שֶׁיֵּשׁ מַדְרֵגוֹת וְהֵיכָלוֹת כָּאֵלּוּ שֶׁאִי אֶפְשָׁר לָבֹא אֲלֵיהֶם רַק עַל יְדֵי מַחֲלֹקֶת", אָבֶּער וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז עֶס אִיז דָא אַזֶעלְכֶע הוֹיכֶע מַדְרֵיגוֹת אוּן אַזֶעלְכֶע הֵיכָלוֹת וָואס מֶען קֶען נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ זֵיי נָאר דוּרְךְ מַחֲלֹקֶת, אַזוֹי ווִי מִיר גֶעפִינֶען בַּיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם. מֹשֶׁה רַבֵּינוּ דֶער רֶבִּי פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל הָאט דָאךְ גֶעהַאט אַזַא כֹּחַ צוּ

קֶענֶען צוּזַאמְנֶעמֶען גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (שְׁמוֹת לה, א): "וַיַּקְהֵל מֹשֶׁה אֶת כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל", מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט צוּזַאמְגֶענוּמֶען אַלֶע אִידְן; מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז דָאךְ גֶעוֶוען דִי דַעַת פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, עֶר הָאט גֶעהַאט דִי כֹּחַ צוּ קֶענֶען צוּצִיעֶן צוּ זִיךְ גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל, דָאךְ שְׁטֵייט (שָׁם לג, ח): "וְהִבִּיטוּ אַחֲרֵי מֹשֶׁה", דַרְשְׁנְ'ען דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (קִדּוּשִׁין לג:) מֶען הָאט גֶערֶעדְט אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ שְׁלֶעכְטְס; ווִי קֶען זַיין אַז אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן רֶעדְן אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ? וָואס גֵייט דָא פָּאר? וָואס דַארְף אַזוֹי זַיין? זָאגְט דֶער רֶבִּי, אַזוֹי מוּז זַיין, אוֹיף אַ צַדִיק דַארְף מֶען קְרִיגְן.

זַיי מְחַזֵק אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאלְן קֵיינֶעם נִישְׁט וֶוייטוּן אוּן קֵיינֶעם נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, אוֹיךְ דִי קִינְדֶער אִין חֵדֶר זָאלְסְטוּ אוֹיסְלֶערְנֶען גוּטֶע מִידוֹת, זֵיי זָאלְן זַיין פוּן דִי פַארְשֶׁעמְטֶע, נִישְׁט פוּן דִי וָואס פַארְשֶׁעמֶען. מַיינֶע קִינְדֶער פַארְשֶׁעמְט מֶען נָאכְאַלְץ, דִי שְׁכֵנִים שְׁפֶּעטְן. מַיין קְלֵיינֶע טָאכְטֶער פוּן אַכְט יָאר הָאט מִיךְ גֶעפְרֶעגְט פָּארִיגֶע וָואךְ: "טַאטֶע, פַארְוָואס לַאכְט מֶען נָאר פוּן בְּרֶסְלֶב?" זִי פְרֶעגְט מִיר: "וֶוער הָאט גֶעזָאגְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם צוּ לַאכְן פוּן אוּנְז? פַארְוָואס לַאכְט מֶען נִישְׁט פוּן אַנְדֶערֶע שׁוּלֶעס?" וָואס אִיז שַׁיָיךְ צוּ עֶנְטְפֶערְן פַאר אַ קְלֵיינֶע מֵיידְל? אִיךְ הָאבּ אִיר גֶעזָאגְט: "דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעבְּרֶענְגְט פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אַ מַתָּנָה פַאר אוּנְז, מִיר זֶענֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס לִיבְּהָאבֶּער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (שׁוֹפְטִים ה, לא): 'וְאֹהֲבָיו כְּצֵאת הַשֶּׁמֶשׁ בִּגְבוּרָתוֹ'" (שַׁבָּת פח:).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**הָאסְט אַלֶעמָאל גֶעבְּרֶענְגְט פַּרְנָסָה אָן אַ טֶעלֶעפָאן, זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן אַזוֹי**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, שׁוֹבָבִי״ם, כ״ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לפ״ק קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל**

הָאסְט מִיךְ גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט זִיךְ קוֹיפְן אַ סְמַארְטְפָאוֹן, עֶס וֶועט דִיר זַיין גְרִינְגֶער אִין דִי בִּיזְנֶעס.

קוּק צוּרִיק, דִי אַלֶע יָארְן הָאסְטוּ פַארְדִינְט, הָאסְט אַהֵיים גֶעבְּרֶענְגְט פַּרְנָסָה - אָן אַ טֶעלֶעפָאן, זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן אַזוֹי, אוּן דוּ וֶועסְט זֶען נִיסִים. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת יְשׁוּעָה, סִימָן ז) : "אֵין עוֹשִׂין נֵס לְנוֹאֵף", נִיסִים קוּמֶען נָאר אַז מֶען אִיז הֵיילִיג ; דַארְפְסְט נִישְׁט קַיין טֶעלֶעפָאן, דַארְפְסְט נִישְׁט פְרִישֶׁע נִסְיוֹנוֹת, גֶענוּג דִי בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת וָואס מִיר הָאבְּן, וָואס דַארְפְסְטוּ זִיךְ בְּרֶענְגֶען פְרִישֶׁע תַּאֲווֹת נִיאוּף... דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם אוֹת נִיאוּף, סִימָן ט) : "תַּאֲוַת נִאוּף אֵינוֹ נִרְחָק מִן הָאָדָם אֶלָּא עַל יְדֵי הַרְחָקַת רְאוּת הָעַיִן וְהַמַּחֲשָׁבָה", דוּרְךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן אוּן דִי גֶעדַאנְקֶען - קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין הֵיילִיג.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ אוּן דַיינֶע דוֹרוֹת זָאלְן קֶענֶען בֵּיישְׁטֵיין דִי שְׁוֶוערֶע חֶבְלֵי מָשִׁיחַ.

...

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז לִיבּ, דָאס דַארְף מֶען אַסַאךְ חַזֶרְ'ן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, שׁוֹבָבִי״ם, כ״ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

מִיר זֶענֶען יֶעצְט אִין דִי "יְמֵי הַשּׁוֹבָבִי"ם", טֶעג וָואס מֶען קֶען זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי עֶרְשְׁטֶע אוּן וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס מִיר דַארְפְן ווִיסְן - דִי עֶרְשְׁטֶע רַשִׁ"י אִין פַּרְשַׁת שְׁמוֹת - "לְהוֹדִיעַ חִבָּתָן", דֶער

אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז לִיבּ, דָאס דַארְף מֶען אַסַאךְ חַזֶר׳ן; וַוייל רוֹב רֻבָּם וָואס לָאזְן אָפּ זֵייעֶר וִוילְן צוּ זַיין גוּט אִיז צוּלִיבּ דֶעם, זֵיי מֵיינֶען ׳דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף מִיךְ נִישְׁט, אִיךְ בִּין שׁוֹין מִמֵּילָא נִישְׁט וֶוערְד׳.

מֶען דַארְף זִיךְ חַזֶר׳ן טָאג אוּן נַאכְט: ׳דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ לִיבּ, דֶער אֵייבֶּערשְׁטֶער דַארְף מִיךְ יָא, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן - הָאט מִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ, אוּן אִיךְ קֶען זִיךְ צוּרִיק קֶערְן אוּן אָנְהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל׳.

אַשְׁרֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס אִיז אוּנְז מְחַזֵק אוּן לָאזְט אוּנְז נִישְׁט פַּאלְן.

...

**מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר דִי טֶעכְטֶער זִיךְ צוּ פִירְן אֵיידְל**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, שׁוֹבְבִי"ם, כ"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, מָאנְסִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס אִיז דִי פְרַאגֶע? אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי דַארְף מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר דִי טֶעכְטֶער זִיךְ צוּ פִירְן אֵיידְל. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנְחוּמָא נָשֹׂא, י) אוֹיפְן פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר ו, כד): "וְיִשְׁמְרֶךָ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר בֶּענְטְשְׁן אוּן עֶר וֶועט דִיר אָפְּהִיטְן, דָאס מֵיינְט מֶען "בְּבָנוֹת", וָואס זֵיי דַארְפְן אַ שְׁטַארְקֶע שְׁמִירָה.

אַז מֶען זָאגְט נִישְׁט - וֵוייסְט מֶען נִישְׁט, סַיי דִי זִין אוּן סַיי דִי טֶעכְטֶער דַארְף מֶען לֶערְנֶען צוּ זַיין אֵיידְל. אַז דַיין טָאכְטֶער קְרַאצְט זִיךְ וְכוּ׳, רַייבְּט זִיךְ וְכוּ׳ נִישְׁט אֵיידְל - זָאגְט מֶען שֵׁיין אוּן גֶעלַאסְן: "עֶס אִיז נִישְׁט אֵיידְל", "עֶס אִיז נִישְׁט גוּט" וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן אַז מֶען זֶעט נָאכְאַמָאל וְכוּ׳, זָאגְט מֶען נָאכְאַמָאל, אוּן אַז מֶען זָאגְט אוּן מֶען זָאגְט מִיט סַבְלָנוּת - פּוֹעֵל׳ט מֶען.

הָעִקָּר אַסַאךְ תְּפִלָּה. בֶּעט יֶעדְן טָאג פַאר יֶעדְן קִינְד, רֶעכְן אוֹיס בַּיי

הִתְבּוֹדְדוּת יֶעדְן קִינְד בַּיים נָאמֶען אוּן בֶּעט פַאר זֵיי, וַוייל תְּפִלָּה אִיז דִי בֶּעסְטֶע אוּן אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה פַאר עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

...

### מַאךְ אַ שֵׁיינֶע סִיוּם לְכָבוֹד דִי סִיוּם פוּן הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל מִשְׁנַיוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, שׁוֹבְבִי״ם, כ״ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ בִּין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ צוּ הֶערְן אַז דוּ הָאסְט מְסַיֵּים גֶעוֶוען דֶעם שַׁבָּת דִי הוּנְדֶערְטְסְטֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען מְקוּרָב צוּ וֶוערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן וָואס גֶעבְּט אוּנְז אַזֶעלְכֶע חִיזוּקִים אוּן עֵצוֹת וִוי אַזוֹי אוֹיסְצוּנוּצְן דִי טֶעג אוּן יָארְן מִיט תּוֹרָה וּתְפִלָּה, זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, נָאר אוֹיסְנוּצְן דִי בִּיסְל יָארְן וָואס מִיר לֶעבְּן - מִיט זַאכְן וָואס בְּלַייבְּן אוֹיף אֵייבִּיג.

יֶעצְט זָאלְסְטוּ נָאכְאַמָאל לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, אוּן מַאךְ אַ שֵׁיינֶע סִיוּם לְכָבוֹד דִי הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל. אִיךְ וָואלְט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט אַנְטֵייל צוּ נֶעמֶען בַּיי דִי סִיוּם; וִוי נִישְׁט, אַ שְׁטִיקְל חֵלֶק הָאבּ אִיךְ אִין דֶעם, פוּן וֶוען דוּ בִּיסְט אָנְגֶעקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה בִּיז הַיינְט, אַלֶע חִיזוּק וְכוּ׳.

דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע זַאךְ צוּ גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן חִבּוּט הַקֶּבֶר אִיז לִימוּד מִשְׁנַיוֹת. מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט זָאגְן יֶעדֶעס מָאל עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אוּנְזֶער יְשִׁיבָה, פַאר דִי בָּחוּרִים: ״אַ גוּף וָואס הָאט גֶעזָאגְט מִשְׁנַיוֹת - וֶועלְן דִי וֶוערֶעם נִישְׁט קוּמֶען״.

...

## אִין בְּרֶסְלֶב הָאט מֶען נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען דִי סְגוּלָה פוּן זָארְגְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, שׁוֹבָבִי״ם, כ״ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לפ״ק

**לְכָבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע ... שֶׁיִּחְיוּ**

עֶנְק הָאבְּן קוֹים חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן שׁוֹין זֶענְט אִיר בַּאזָארְגְט אוֹיף קִינְדֶער; וָואס דַארְפְט אִיר זָארְגְן? זָארְגְן וֶועט אַייךְ נִישְׁט הֶעלְפְן, זָארְגְן מַאכְט שְׁוַואךְ אוּן אַלְט; אִין בְּרֶסְלֶב הָאט מֶען נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען דִי סְגוּלָה פוּן זָארְגְן, אִין בְּרֶסְלֶב אִיז דָא דִי סְגוּלָה פוּן שִׂמְחָה, פוּן טַאנְצְן, פַּאטְשְׁן אוּן זִינְגֶען.

אִיךְ בֶּעט עֶנְק מַיינֶע טֵייעֶרֶע, בַּאלִיבְּטֶע וִוי קִינְדֶער - זָארְגְט נִישְׁט, מַאכְט אַייךְ נִישְׁט מְשׁוּגָע מִיט זָארְגְן, זַייט פְרֵיילִיךְ, דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֶעבְּט אַוֶועק יֶעדְן טָאג אַ צַייט פַאר דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיךְ אַבִּיסְל צַייט אוֹיף טַאנְצְן, אוּן אִיר וֶועט זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

...

## אֱמוּנָה אִיז וִוי אַ פֵייעֶר וָואס דִי נִישְׁט גוּטֶע וֶוערְן אוֹיס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, שׁוֹבָבִי״ם, כ״ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לפ״ק

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

צֶעבְּרֶעכְט זִיךְ נִישְׁט, צֶעקְלַאפְּט זִיךְ נִישְׁט, עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת דִי מַחֲשָׁבוֹת וָואס בּוּזְשֶׁעוֶועט אִין אַייךְ אַז אִיר זֶענְט נִישְׁט גוּט, עֶס אִיז לִיגְנְט, אִיר זֶענְט יָא גוּט, אִיר זֶענְט אַ צַדֶיקֶת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ לִיבּ, עֶר וַוארְט אִיר זָאלְט רֶעדְן צוּ אִים אֲפִילוּ אֵיין וָוארְט, גֶעבְּט אַ זָאג דִי אֵיין וָוארְט: "טַאטֶע", גֶעבְּט אַ זָאג: "טַאטֶע אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ" - וֶועט אִיר פַארְבְּרֶענֶען אַלֶע קְלִיפּוֹת; אֱמוּנָה אִיז וִוי אַ פֵייעֶר וָואס דִי נִישְׁט גוּטֶע וֶוערְן אוֹיס.

הַלְוַואי זָאלְט אִיר מִיר שְׁרַייבְּן אַפָּאר שׁוּרוֹת יֶעדֶע וָואךְ.

...

### דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף דִיר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, שׁוֹבבִי"ם, כ"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁטַארְק זִיךְ טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, לָאז זִיךְ נִישְׁט נָאךְ, מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אוֹיפְן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית א, ה): "וַיְהִי עֶרֶב וַיְהִי בֹקֶר", עֶרְשְׁט אִיז פִינְסְטֶער, אָבֶּער נָאכְדֶעם וֶוערְט טָאג, עֶס וֶוערְט לִיכְטִיג.

אַז עֶס אִיז דִיר גָאר בִּיטֶער - זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג פַארְן בַּאשֶׁעפֶער, דֶערְצֵייל אִים וִוי עֶלְנְד דוּ בִּיסְט, דֶערְצֵייל אִים דִי פְּרָטִים פוּן דַיין מִשְׁפָּחָה, וָואס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף דִיר, אוּן וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז דִיר צוּ זַיין אַ בָּחוּר, וְכָל הַמַּרְבֶּה לְהִתְבּוֹדֵד - הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח; וִוי מֶער מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער - וֶוערְט אַלֶעס גְרִינְגֶער אוּן לַייכְטֶער.

...

### יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַארְ'ן בְּרֶענְגֶען מַיינֶע עֶלְטֶערְן צוּם בְּרִית פוּן מַיין אֵיינִיקְל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, שׁוֹבבִי"ם, כ"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, בָּארָא פַּארְק**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַארְן טוּן פַאר מִיר דִי חֶסֶד פוּן בְּרֶענְגֶען מַיינֶע עֶלְטֶערְן, מַיין טַאטֶע מַאמֶע - צוּ שְׁטֶעטְל קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם פְרַייטָאג, צוּם בְּרִית פוּן מַיין אֵיינִיקְל יְחֶזְקֵאל, בֶּן בְּנִי בְּכוֹרִי שְׁלֹמֹה.

דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וָואס פַאר אַ שִׂמְחָה דוּ הָאסְט מִיר גוֹרֵם גֶעוֶוען, זֵיי הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט אַז זֵיי הָאבְּן זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט פוּן דִי וֶועגְן, עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר רוּאִיג אוּן גֶעשְׁמַאק.

בִּזְכוּת וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעמַאכְט אַזַא טוֹבָה - זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ שֶׁפַע, בְּרָכָה אוּן נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער.

זָאג יֶעדְן טָאג דֶעם "יוֹם תְּהִלִּים", הַאלְט מִיט דִיר אַ תְּהִלִּים אוּן וֶוען דוּ הָאסְט אַן אִיבְּרִיגֶע מִינוּט - כַאפּ אַרַיין אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִּים.

...

## מֶען נֶעמְט דֶעם רֶבִּי'ן זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן מִיט דִי מְסוֹרָה פוּן דִי עֶלְטֶערְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, שׁוֹבָבִי"ם, כ"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, ווילְיַאמְסְבּוּרְג**

דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם פְרַייטָאג, עֶרֶב שַׁבָּת פַּרְשַׁת שְׁמוֹת - הָאט מַיין זוּן הָרַב שְׁלֹמֹה גֶעמַאכְט אַ בְּרִית אִין שְׁטֶעטְל, וְיִקָּרֵא שְׁמוֹ בְּיִשְׂרָאֵל 'יְחֶזְקֵאל', נָאךְ מַיין זֵיידֶע, קַארְלְסְבּוּרְגֶער רָב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א מִיט מַיין מַאמֶע תִּחְיֶ' הָאבְּן גֶענוּמֶען דִי מִי, זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁלֶעפְּט פְּרַייטָאג פַארְטָאגְס צוּם בְּרִית, מַיין טַאטֶע אִיז גֶעוֶוען סַנְדָּק אוּן גֶעזָאגְט דִי בְּרָכוֹת, מִיךְ הָאט מֶען מְכַבֵּד גֶעוֶוען מִיט סַנְדָּק מְעֻמָּד. מַיין טַאטֶע הָאט גֶערֶעדְט בַּיי דִי סְעוּדַת בְּרִית, עֶס אִיז גֶעוֶוען הֶערְלִיךְ שֵׁיין.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָאס, זָאלְסְט ווִיסְן אַז עֶלְטֶערְן הָאבְּן זֵייעֶר הֲנָאָה וֶוען זֵיי זֶעעֶן ווִי דִי קִינְדֶער שְׁטַארְקְן זִיךְ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שִׂמְחָה. אִין אָנְהוֹיבּ הָאבְּן עֶלְטֶערְן מוֹרָא אַז מֶען וֶועט אָפְּלָאזְן דִי מְסוֹרָה, מֶען וֶועט אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, פוּן דִי אֱמֶת, אָבֶּער וֶוען עֶס גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַפָּאר יָאר אוּן מֶען זֶעט אַז מֶען נֶעמְט דֶעם רֶבִּינְ'ס חִיזּוּק - נִישְׁט אוֹיף אַוֶועקְוַוארְפְן וָואס דִי עֶלְטֶערְן זָאגְן, פַארְקֶערְט, מֶען נֶעמְט דֶעם רֶבִּי'ן זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן מִיט דִי וֶועג פוּן דִי עֶלְטֶערְן - דְרֵייט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּער, אוּן פוּן דִי מְנִיעוֹת - וֶוערְט נְעִימוֹת, עֶס וֶוערְט זִיס.

ווַאוֹיל אִיז דֶעם וָואס דֶערְהַאלְט זִיךְ.

...

## נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן צוּ נֶעמֶען אַ מֵיידְל זָאל מֶענֶעדְזְשְׁן אִינְגֶעלַייט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, שׁוֹבָבִי"ם, י"ט טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן דִי וֶועג פוּן נֶעמֶען אַ מֵיידְל זָאל מֶענֶעדְזְשְׁן אִינְגֶעלַייט, עֶס שְׁמֶעקְט פוּן נִיאוּף.

אָדֶער נֶעמְסְטוּ אַוֶועק דִי מֵיידְל פוּן מַיינֶע אִינְגֶעלַייט, אָדֶער זָאג אִיךְ פַאר מַיינֶע תַּלְמִידִים נִישְׁט צוּרִיק צוּ גֵיין צוּ דִי אַרְבֶּעט.

...

## לָאז דִיךְ נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם פַארְדְרֵייעֶן דִי קָאפּ, שְׁטֵיי וַוייט פוּן מַחֲלֹקֶת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, שׁוֹבָבִי"ם, כ"ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

רֶעד נִישְׁט מִיט קַיין בַּעֲלֵי מַחֲלֹקֶת, אוֹיךְ נִישְׁט מִיט בַּעֲלֵי לָשׁוֹן הָרָע; נֶעם גוּטֶע חֲבֵרִים וָואס טוּעֶן חֶסֶד אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן אוּן זוּכְן וִוי מֶען קֶען יֶענֶעם הֶעלְפְן.

וֶוער הָאט כֹּחַ פַאר מַחֲלֹקֶת, וֶוער הָאט צַייט פַאר דִי זַאכְן; דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען פַארְנוּמֶען דֶערְצֵיילְן פוּן יֶענֶעמְ׳ס פְּרִיוַואטֶע לֶעבְן אוּן פוּן יֶענֶעמְ׳ס דוּרְכְפֶעלֶער... וִוי אִיז דָא צַייט? עֶרְשְׁט דַארְף מֶען זִיךְ אַלֵיינְס פַארְעֶכְטְן, וִוי אִיז דָא צַייט צוּ זַיין פַארְנוּמֶען מִיט יֶענֶעמְ׳ס זַאכְן...

קְרִיג זִיךְ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, זִיכֶער נִישְׁט בַּיים רֶבִּינְ׳ס חֶדֶר. רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט זָאגְן: "וֶוען אִיךְ זֶע צְוֵויי אִידְן קְרִיגְן זִיךְ - שְׁפִּיר אִיךְ וִוי אֵיינֶער שְׁטֶעכְט מִיר מִיט אַ מֶעסֶער, אִיךְ קֶען עֶס נִישְׁט דֶערְהֵייבְן"; בַּיים רֶבִּינְ׳ס חֶדֶר אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ טָאר נִישְׁט זַיין קַיין פַיינְטְשַׁאפְט, זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פוּן קֵיינֶעם פַארְדְרֵייעֶן דִי קָאפּ, שְׁטֵיי וַוייט פוּן מַחֲלֹקֶת.

גֵיי שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר, וָואס טוּ אִיךְ מִיט מַיין הֵייסֶע בְּלוּט וָואס צִיט צוּ נִצָּחוֹן, צוּ קִנְאָה, צוּ שִׂנְאָה, רְצִיחָה?! רַאטֶעוֶוע מִיךְ**".

גֵיי אִין אַ לֵיידִיגֶע פֶעלְד אָדֶער אַ לֵיידִיגֶע צִימֶער אוּן שְׁרֵיי זִיךְ אוֹיס, עֶס זָאל אַרוֹיסְגֵיין דִי בְּלוּט וָואס צִיט צוּ נִישְׁט גוּטְס, אוּן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ צַדִיק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

צוּ אַ צִיוּן פוּן אַ צַדִיק קֶען מֶען גֵיין אַלֶעמָאל אוּן אִין אַלֶע צַייטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, שׁוֹבְבִי"ם, כ"ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְּרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אוֹיף אַייעֶר פְרַאגֶע אוֹיבּ מֶען מֶעג גֵיין אִין דִי צַייטְן וְכוּ׳; עֶס אִיז דָא אַסַאךְ מִנְהָגִים אִין דֶעם עִנְיָן, עֶס אִיז דָא וָואס גֵייעֶן נִישְׁט אִין אַ בֵּית הַחַיִּים אִין דִי טֶעג וְכוּ׳, אַנְדֶערֶע פִירְן זִיךְ דַוְקָא אִין דִי טֶעג וְכוּ׳ גֵייט מֶען נִישְׁט, אָבֶּער אִין דִי טֶעג וָואס מֶען צֵיילְט - גֵייט מֶען יָא, אוּנְזֶער מִנְהָג אִיז נִישְׁט צוּ גֵיין אִין דִי טֶעג אִין בֵּית הַחַיִּים, אָבֶּער צוּ אַ צִיוּן פוּן אַ צַדִיק קֶען מֶען גֵיין אַלֶעמָאל אוּן אִין אַלֶע צַייטְן.

עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ גֵיין צוּ קִבְרֵי צַדִיקִים מִתְפַּלֵל זַיין. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק, סִימָן קעג): "עַל יְדֵי הִשְׁתַּטְּחוּת עַל קִבְרֵי הַצַּדִּיקִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹשֶׂה לוֹ טוֹבוֹת, אַף עַל פִּי שֶׁאֵינוֹ רָאוּי לְכָךְ", בַּיי קִבְרֵי צַדִיקִים וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען דִי תְּפִילוֹת אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט וֶוערְד מֶען זָאל אוֹיסְהֶערְן זַיין גֶעבֶּעט; דֶערְפַּאר אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ - סֵיי פַאר מֶענֶער, סֵיי פַאר פְרוֹיעֶן - צוּ גֵיין צוּ קִבְרֵי צַדִיקִים אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז בִּזְכוּת דִי צַדִיקִים זָאל מֶען זֶען יְשׁוּעוֹת.

דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אֲפִילוּ עֶס גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶועֶרֶע טֶעג, בְּלַייבְּט מֶען גֶעטְרֵייא דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, שׁוֹבָבִי״ם, כ״ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, ווִילְיַאמְסְבּוּרְג**

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְּמָרָא, הֲלָכָה וְעוֹד, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זַיין שְׁטַארְק מִיט דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן, בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת. דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ אִיז דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, בְּלַייבְּן גֶעטְרֵייא דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין קַשְׁיוֹת אוּן אָן קַיין תַּרְעוּמוֹת; מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, אֲפִילוּ עֶס גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶועֶרֶע טֶעג - בְּלַייבְּט מֶען גֶעטְרֵייא דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זַיי מְכַבֵּד דַיין וַוייבּ, אוֹיךְ דַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער זָאלְסְטוּ מְכַבֵּד זַיין; וֶוען דוּ גֵייסְט צוּ זֵיי זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אוּן חַס וְשָׁלוֹם קֵיינְמָאל נִישְׁט טַעְנָה׳עֶן.

...

**אַז דוּ וֶועסְט הִיטְן דִי אוֹיגְן, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, שׁוֹבָבִי״ם, כ״ח טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הִיט דַיינֶע אוֹיגְן, קוּק נִישְׁט קַיין עֲבֵירוֹת, קוּק נִישְׁט קַיין מָאוִיס, קוּק נִישְׁט אוֹיף פְרֶעמְדֶע. מוֹהֲרַא״שׁ זָאגְט, דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע סְגוּלָה פַאר פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע, מוֹהֲרַא״שׁ טַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים קמה, טו): ״עֵינֵי כֹל אֵלֶיךָ יְשַׂבֵּרוּ, וְאַתָּה נוֹתֵן לָהֶם אֶת אָכְלָם בְּעִתּוֹ״, ׳יְשַׂבֵּרוּ׳ - קֶען מֶען לֵיינֶען מִיט אַ שִׁין:

"עֵינֵי כֹל אֵלֶיךָ יְשַׂבֵּרוּ", אַז מֶען צֶעבְּרֶעכְט דִי אוֹיגְן, מֶען קוּקְט נִישְׁט קַיין עֲבֵירוֹת - "וְאַתָּה נוֹתֵן לָהֶם אֶת אָכְלָם בְּעִתּוֹ", וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּן פַּרְנָסָה אִין צַייט.

אַז דוּ וֶועסְט הִיטְן דִי אוֹיגְן; נִישְׁט קוּקְן קַיין עֲבֵירוֹת, נִישְׁט קוּקְן מָאוִוים, קְלִיפּס אוּן בִּילְדֶער פוּן פְרֶעמְדֶע, אוֹיךְ בַּיי דִי אַרְבֶּעט מִיט דִי סֶעקְרֶיטֶערִיס פְּרוּוְועֶן וֶועסְטוּ נִישְׁט קוּקְן - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ פַּרְנָסָה בְּרֶיוַוח; וַוייל וֶוען מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן - קוּמְט מֶען נָאכְדֶעם צוּ פּוֹגֵם זַיין בִּבְרִית, וָואס דָאס בְּרֶענְגְט אַלֶע צָרוֹת אוֹיפְן מֶענְטְשׁ; דָאס בְּרֶענְגְט אָרֶעמְקֵייט. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (פִּנְחָס, רמד:): "מַאן דִּמְזַלְזֵל בְּפִרוּרִין דְּנַהֲמָא, עֲנִיּוּתָא רָדִיף אֲבַתְרֵיהּ", וֶוער עֶס אִיז וַוארְפְט אַרָאפּ בְּרֶעקְלֶעךְ פוּן בְּרוֹיט וֶועט זַיין אַן אָרֶעמַאן, "כָּל שֶׁכֵּן מַאן דִּמְזַלְזֵל בְּפִירוּרִין דְּמוֹחָא", אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז אוֹיב מֶען אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלַן - פַאלִירְט מֶען דָאס מַזָּל אוּן מֶען וֶוערְט אַן אָרֶעמַאן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**נִישְׁט מְבַטֵּל זַיין חֵדֶר אוּן שׁוּלֶע צוּלִיבּ דִי חֲתוּנָה פוּן מַיינֶע קִינְדֶער**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, שׁוֹבָבִי"ם, כ"ח טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ וִויל נִישְׁט מֶען זָאל מְבַטֵּל זַיין חֵדֶר אוּן שׁוּלֶע צוּלִיבּ דִי חֲתוּנָה פוּן מַיינֶע קִינְדֶער, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין עִנְיָן זִיךְ אַריינְצוּשְׁלֶעפְּן פוּן שְׁטֶעטְל צוּ מַיין שִׂמְחָה, אִיךְ מֵיין עֶס זֵייעֶר עֶרְנְסְט; אִיךְ וִויל נִישְׁט מֶען זָאל קוּמֶען מִיט דִי קִינְדֶער, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז אַיינְגֶעפִירְט בַּיי אַנְדֶערֶע חֲסִידוּת'ן; גֶעבּ עֶס אִיבֶּער פַאר אַלֶעמֶען.

אוּנְזֶער רֶבִּי'שֶׁע חֲתוּנָה אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה; מוֹהֲרַ"ש הָאט מִיר גֶעזָאגְט

וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן פַאר דִי עֶלְטֶערְן, אַז מִיר פַארְמַאכְן דִי חֶדֶר דִי גַאנְצֶע וָואךְ פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוען מִיר אַלֶע פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, הָאט מוֹהֲרָא"שׁ מִיר גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז אוּנְזֶער רֶבִּי'שֶׁע חֲתוּנָה, אַזוֹי וִוי בַּיי אַלֶע אִיז מֶען מְבַטֵּל דִי חֶדֶר אִינֶעם טָאג וָואס דֶער רֶבִּי מַאכְט חֲתוּנָה, דָאס אִיז אוּנְזֶער רֶבִּי'ס חֲתוּנָה".

אִיךְ הָאף דַיין קָאפּ אוּן מֹחַ אִיז בַּיי דִי קִינְדֶער אוּן בַּיי דִי מְלַמְּדִים, נִישְׁט אִין אָפִּיס. אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעמַאכְט אַ גֶּדֶר, אִיךְ גֵיי נִישְׁט אִין אָפִּיס בִּיז נָאכְמִיטָאג, אִיךְ זִיץ רוֹב טָאג מִיט דִי בָּחוּרִים; הַלְוַאי זָאלְסְטוּ אוֹיךְ אַזוֹי טוּן, זַיין פַארְנוּמֶען מִיט דִי מְלַמְּדִים אוּן קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גֶעבּ אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ זַיין פְרַיינְדְלִיךְ מִיט דִי סֶעקְרֶעטֶערִי אִין אָפִּיס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת וָאֵרָא, שׁוֹבבִי"ם, כ"ח טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ זַיין פְרַיינְדְלִיךְ מִיט דִי סֶעקְרִיטֶערִי בַּיי דִיר אִין אָפִּיס. זָאלְסְט אִיר נִישְׁט קוּקְן אִין פָּנִים, עֶס אִיז אָסוּר צוּ קוּקְן אַ פְרוֹי אִין פָּנִים (שֻׁלְחָן עָרוּךְ אֶבֶן הָעֶזֶר סִימָן כא, סְעִיף א), אוּן זִיכֶער נִישְׁט וֶוען מֶען זִיצְט אִינְאֵיינֶעם אִין אָפִּיס; עֶס קֶען זַיין דוּ וֶועסְט אַלֶעס פַארְלִירְן רַחֲמָנָא לִצְלָן.

קוּק נִישְׁט אִין פָּנִים, קוּק אַרָאפּ, פִיר זִיךְ עֶרְלִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִין אָפִּיס אוּן זֶעט אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט.

מַאךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט וַוייטֶער הָאבְּן דִי אָפִּיס מִיט דִי סֶעקְרִיטֶערִי אוּן פַארְשְׁוַוארְצְט וֶוערְן בָּזֶה וּבַבָּא, אָדֶער פַארְמַאכְן דִי גֶעשֶׁעפְט אוּן הָאבְּן גַן עֵדֶן בָּזֶה וּבַבָּא. גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת אוּן וֵויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס אִיז גֶעשֶׁען מִיט מִיר? אִיךְ בִּין הֵיימִישׁ מִיט פְרֶעמְדֶע, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער רַאטֶעוֶוע מִיךְ".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וַוייז נִישְׁט אַרוֹיס פַאר דַיין וַוייבּ קַיין שׁוּם דַאֲגוֹת חַס וְשָׁלוֹם

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, שׁוֹבָבִי"ם, כ"ח טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט וֶוען דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה - דַארְפְסְטוּ נָאכְמֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן דִי וֶועג ווִי דוּ רֶעדְסְט צוּ דַיין וַוייבּ, עֶס זָאל זַיין מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס כָּבוֹד אוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן סט): "כִּי עִקַּר הַמָּמוֹן שֶׁל הָאָדָם בָּא לוֹ עַל יְדֵי בַּת זוּגוֹ", דִי גֶעלְט קוּמֶען דוּרְךְ דִי וַוייבּ, "כִּי עַל יְדֵי אוֹר נַפְשָׁהּ, מִזֶּה בָּא לוֹ הַמָּמוֹן"; דַארְפְסְטוּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אִיר מְכַבֵּד צוּ זַיין, אַזוֹי וֶועסְטוּ הָאבְּן פַּרְנָסָה.

וַוייז נִישְׁט אַרוֹיס פַאר אִיר קַיין שׁוּם דַאֲגוֹת חַס וְשָׁלוֹם, זַיי קְלוּג נִישְׁט צוּ פַארְלִירְן דַיין שְׁטוּב, וַוייל אַסַאךְ מָאל קֶען פַּאסִירְן אַז מֶען פַארְלִירְט דִי פַּרְנָסָה אוּן מֶען שְׁטַארְקְט זִיךְ נִישְׁט - פַארְלִירְט מֶען נָאךְ זַאכְן.

זַיי שְׁטַארְק מִיט תּוֹרָה וּתְפִלָּה, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח.

...

### אָפְּשְׁוַוייגְן אוֹיף בִּזְיוֹנוֹת, אִיז גְרֶעסֶער פוּן פַאסְטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, שׁוֹבָבִי"ם, כ"ט טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיז אַ צַייט פוּן תְּשׁוּבָה, פוּן תִּיקוּן הַמַּעֲשִׂים, מֶען זָאגְט יוֹם כִּיפּוּר קָטָן; דֶער עִיקָּר דַארְף מֶען אָפְּשְׁוַוייגְן אוֹיף אַלֶע בִּזְיוֹנוֹת, דָאס אִיז גְרֶעסֶער פוּן פַאסְטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ו): "וְעִקַּר

הַתְּשׁוּבָה כְּשֶׁיִּשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ, יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק", אַז מֶען הֶערְט אַ בִּזָּיוֹן אוּן מֶען שְׁוַויגְט, מֶען עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט - דָאס אִיז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה.

שְׁטַארְק זִיךְ צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, פְּרֵיי זִיךְ מִיט 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי, אַ גוֹי בִּין אִיךְ נִישְׁט', וָואס זָאל נָאר זַיין הָאבְּן מִיר אַ הֵיילִיגֶע אִידִישֶׁע נְשָׁמָה; מִיט דֶעם קֶען מֶען זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן, אוּן אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ - גֵייעֶן אַוֶועק אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אַלֶע קְרֶענְק, פִיזִישֶׁע אוּן גֵייסְטִישֶׁע. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם חֵלֶק ב', סִימָן כד): "כָּל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם", אַלֶע מַחְלוֹת אוּן אַלֶע קְרֶענְק, "כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה", קוּמֶען צוּם מֶענְטְשׁ וַוייל מֶען אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, מֶען אִיז דֶערְבִּיטֶערְט אוּן דֶעפְּרֶעסְט, "גַּם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים אָמְרוּ", אֲפִילוּ דִי דָאקְטוֹירִים זָאגְן, "שֶׁכָּל הַמַּחֲלוֹת וְהֶחֳלָאִים רָעִים בָּאִים רַק מֵחֲמַת חִסָּרוֹן הַשִּׂמְחָה", אַז אַלֶע מַחְלוֹת קוּמֶען פוּן דִיפְּרֶעסְיֶע, וַוייל מֶען אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**נֶעמְט דִי הֵיילִיגְסְטֶע תִּיקּוּן, לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, שׁוֹבבי"ם, כ"ט טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַז דוּ זוּכְסְט תִּיקּוּנִים פַאר דַיינֶע חַטְאוֹת נְעוּרִים - זָאלְסְטוּ לֶערְן אַסַאךְ בְּלֶעטֶער גְמָרָא. מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְט פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי בֶּנְצִיוֹן מִבָּאבּוּב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, בַּעַל מְחַבֵּר סֵפֶר "קְדוּשַּׁת צִיּוֹן", אַמָאל זֶענֶען צוּ אִים גֶעקוּמֶען בָּחוּרִים אוּן גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל זֵיי גֶעבְּן אַ תִּיקּוּן פַאר זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת, זֵיי הָאבְּן אִים דֶערְצֵיילְט אַלֶע זֵייעֶרֶע חַטְאוֹת נְעוּרִים וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן אוּן גֶעבֶּעטְן אַ תִּיקּוּן, הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא, הָאבְּן אִים דִי בָּחוּרִים גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז זֵיי זֵייעֶר שְׁוֶוער, הָאט דֶער בָּאבּוּב'עֶר רָב זֵיי גֶעזָאגְט: "עֶנְק ווִילְן דִי סָארְט תִּיקּוּנִים

פוּן זִיךְ פַּיינִיגְן, פַּאסְטְן, אָדֶער גוּלְגוּל שֶׁלֶג וְכַדּוֹמֶה? פַּארְוָואס זָאלְט אִיר נִישְׁט נֶעמֶען דִי הֵיילִיגְסְטֶע תִּיקוּן - לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא?"

אִיךְ וִויל דִיךְ לַאדֶענֶען צוּ מַיין שִׂמְחָה; מַיין זוּנ'ס חֲתוּנָה אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ זוּנְטָאג. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער יוּנְג, אַוֶועק וַוארְפְן דִי חָכְמוֹת הַמְּדֻמּוֹת, טוּן וָואס אִיז רִיכְטִיג, טוּן וָואס אִיז גוּט פַאר דִי קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מִיט דַיינֶע שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חֲלוֹמוֹת, וַוייזְט מֶען דִיר שֵׁיינֶע זַאכְן פוּן הִימְל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת וָאֵרָא, שׁוֹבבִי"ם, כ"ט טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קֵיין שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חֲלוֹמוֹת, מֶען וַוייזְט דִיר שֵׁיינֶע זַאכְן פוּן הִימְל. דִי חָלוֹם וִוי דַיין בַּאבֶּע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם קוּמְט צוּ דִיר אוּן בֶּעט דִיר טְרִינְקֶען, זִי זָאגְט זִי אִיז זֵייעֶר דוּרְשְׁטִיג; דָאס וַוייזְט מֶען דִיר דָאס חֲשִׁיבוּת וֶוען אַ קִינְד אָדֶער אֵיינִיקְל זָאגְט אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִּים פַאר דִי נְשָׁמָה, וַוייל אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז נִישְׁטָא קֵיין טְרִינְקֶען, אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז חָשׁוּב נָאר תְּהִלִּים. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כג) "בָּעוֹלָם הַבָּא מֻנָּחִין כַּמָּה בְּנֵי אָדָם בַּחוּץ וְהֵם צוֹעֲקִים בְּקוֹל מַר", אוֹיבְן אִין הִימְל זֶענֶען דָא נְשָׁמוֹת וָואס שְׁרַייעֶן מִיט אַ בִּיטֶערֶע קוֹל: "תְּנוּ לָנוּ מַה לֶּאֱכֹל", גֶעבְּט אוּנְז עֶסְן, מִיר זֶענֶען הוּנְגֶערִיג, גֶעבְּט אוּנְז טְרִינְקֶען מִיר זֶענֶען דוּרְשְׁטִיג, "וּבָאִין אֶצְלָם וְאוֹמְרִים לָהֶם: 'הֲרֵי לָכֶם אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה אִכְלוּ וּשְׁתוּ'", מֶען בְּרֶענְגְט זֵיי עֶסְן אוּן מֶען זָאגְט זֵיי, דָא הָאט אִיר פֵיינֶע עֶסְן, מֶען בְּרֶענְגְט זֵיי טְרִינְקֶען אוּן מֶען זָאגְט זֵיי, דָא הָאט אִיר פֵיינֶע טְרִינְקֶען, "וְהֵם מְשִׁיבִים 'לֹא לֹא, אֵין

אָנוּ צְרִיכִים אֲכִילָה זֹאת, רַק אָנוּ צְרִיכִים אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה שֶׁל תּוֹרָה וַעֲבוֹדָה", די נְשָׁמוֹת שְׁרֵייעֶן נֵיין, נֵיין, נִישְׁט דָאס מֵיינֶען מִיר, נִישְׁט די עֶסְן, מִיר דַארְפְן עֶסְן פון לֶערְנֶען און דַאוֶוענֶען, דֶער רֶבִּי עֶנְדִיגְט: "אַשְׁרֵי מִי שֶׁזּוֹכֶה לֶאֱכֹל כַּמָּה פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת וְלִשְׁתּוֹת אַחַר כָּךְ אֵיזֶה קַפִּיטְלִיךְ תְּהִלִּים, וּלְהִתְלַבֵּשׁ בְּאֵיזֶה מִצְוֹת", וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְש וָואס עֶסְט יֶעדְן טָאג פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, טְרִינְקְט קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים און טוּט זִיךְ אָן מִיט מִצְוֹת און מַעֲשִׂים טוֹבִים.

די צְוֵוייטֶע חָלוֹם וִוי דַיין חַבֵר הָאט זִיךְ דֶערְטְרָאנְקֶען און דוּ הָאסְט אִים די לֶעצְטֶע רֶגַע גֶערַאטֶעוֶועט אִיז אוֹיךְ נִישְׁט שְׁרֶעקֶעדִיג; מֶען וַוייזְט דִיר וָואס דַיין חַבֵר גֵייט אַרִיבֶּער, וִוי עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ אִין לֶעבְּן און וִוי דוּ קֶענְסְט אִים רַאטֶעוֶוען. הָאסְט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וָואס מֶענְטְשְׁן מוּטְשֶׁען זִיךְ, מֶען דֶערְטְרִינְקְט זִיךְ, און מִיט די עֵצוֹת פון רֶבִּי'ן קֶען מֶען יֶעדְן הֶעלְפְן; זָאלְסְטוּ זֶען רֶעדְן מִיט דַיין חַבֵר, שְׁמוּעֶסְן און אוֹיסְהֶערְן, עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט דֶערְטְרֶענְקֶען אִין זַיינֶע שְׁוֶוערֶע יְסוּרִים.

די דְרִיטֶע חָלוֹם אִיז אוֹיךְ נִישְׁט שְׁרֶעקֶעדִיג; מֶען וַוייזְט דִיר פון הִימְל זָאלְסְט נָאר רֶעדְן מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם פון אֱמוּנָה, בִּפְרַט מִיט דַיינֶע תַּלְמִידִים. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ רֶעדְן אַסַאךְ פון שִׂמְחָה; זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט די מִצְוֹת, זִיךְ פְרֵייעֶן אַז מֶען אִיז אַ אִיד, זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט די אֱמוּנָה און מִיט יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט, וַוייל וִוי נָאר מֶען רֶעדְט נִישְׁט פון אֵייבֶּערְשְׁטְן... זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ - עֶס אִיז אָדֶער אֱמוּנָה אָדֶער עֲבוֹדָה זָרָה; עֶר טַייטְשְׁט מִיט דֶעם (דְבָרִים יא, טז): "וְסַרְתֶּם וַעֲבַדְתֶּם אֱלֹהִים אֲחֵרִים", אַז מֶען קֶערְט זִיךְ אַוֶועק פון אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז מֶען שׁוֹין אַ גַלָח רַחֲמָנָא לִצְלָן; דַארְפְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן רֶעדְן מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם נָאר פון אֱמוּנָה, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ מִיט חָכְמָה; מֶען רֶעדְט מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם וֶוערְטֶער און מַעֲשִׂיוֹת וָואס יֶענֶער קֶען הֶערְן, אָבֶּער אַלְץ מִיט אֵיין כַּוָונָה, צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען אַלֶעמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מַאכְט זִיךְ אַ גֶּדֶר נִישְׁט צוּ קוּקְן אַייעֶר בַּעַל הַבַּיִת אִין פָּנִים**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, שׁוֹבְבִי״ם, כ״ט טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; מַאכְט זִיךְ אַ גֶּדֶר נִישְׁט צוּ קוּקְן אַייעֶר בַּעַל הַבַּיִת אִין פָּנִים, נָאר וֶוען אִיר דַארְפְט אַדוּרְכְרֶעדְן מִיט אִים זַאכְן פוּן דִי בִּיזְנֶעס - זָאלְט אִיר אַרָאפְּקוּקְן אוּן בְּשׁוּם אֵין אוֹפָן קוּקְן אוֹיף אִים; בַּיי פְרוּיעֶן אִיז אוֹיךְ דָא דִי מִצְוָה פוּן זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן.

וָואס פֶעלְט אַייךְ אוֹיס צוּ גֵיין אַרְבֶּעטְן? אִיר זָאגְט דָאךְ אַלֵיינְס אַז אַייעֶר שָׁלוֹם בַּיִת אִיז נִישְׁט וִוי אַמָאל, אִיר טְרַאכְט פוּנֶעם בַּעַל הַבַּיִת מֶער וִוי פוּן אַייעֶר מַאן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; עֶנְדֶערְשׁ בְּלַייבְּט אִין שְׁטוּבּ אוּן טְרַאכְטְס פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פוּן אַייעֶר מַאן.

אַז אִיר וֶועט זִיךְ מַאכְן דִי גֶּדֶר פוּן נִישְׁט קוּקְן אִין אָפִּיס דֶעם בַּעַל הַבַּיִת אִין פָּנִים - וֶועט צוּרִיק וֶוערְן אַייעֶר שָׁלוֹם בַּיִת אַזוֹי וִוי אַמָאל; אַייעֶר מַאן וֶועט שַׁיינֶען פַאר אַייךְ מִיט אַלֶע חֵן פוּן דֶער וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**-אִיךְ בִּין מְקַנֵּא דַיינֶע זְכוּתִים מִיטְ׳ן טֵיילְן עֶסְן פַאר מִשְׁפָּחוֹת נִצְרָכִים**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, שׁוֹבְבִי״ם, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ שְׁבָט, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין מְקַנֵּא דַיינֶע זְכוּתִים וָואס דוּ הָאסְט מִיטְן טוּן חֶסֶד, וּבִפְרַט מִיטְן טֵיילְן עֶסְן פַאר מִשְׁפָּחוֹת נִצְרָכִים, וּבִפְרָטֵי פְּרָטִיּוּת מִיט טַייעֶרֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס קוּקְן אַרוֹיס אוֹיף דִי עֶסְן וָואס דוּ טֵיילְסְט; דָאס אִיז מְתַקֵּן אַלֶע

חֲטָאִים בִּפְגַם הַבְּרִית. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צְדָקָה, סִימָן נד): "מִי שֶׁעוֹשֶׂה חֶסֶד עִם אוֹהֲבֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", וֶוער עֶס טוּט חֶסֶד מִיט עֶרְלִיכֶע אִידְן – "עַל יְדֵי זֶה מְתַקֵּן פְּגַם הַבְּרִית", אִיז מְתַקֵּן אַלֶע פְּגָמִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז גֶעבְּן דִי זְכִיָ' מִיר זָאלְן קֶענֶען טוּן גוּטֶע זַאכְן, אוּן מִיט דֶעם מְתַקֵּן זַיין אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף מְתַקֵּן זַיין.

...

**וָואס טוּט מֶען וֶוען דִי בַּאבֶּע וַוייזְט מָאוִויס פַאר דִי אֵיינִיקְלֶעךְ?**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד' פָּרָשַׁת וָאֵרָא, שׁוֹבָבִי"ם, כ"ט טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַייעֶר פְרַאגֶע אִיז נִישְׁט פָּשׁוּט; פוּן אַייעֶר זַייט זֶענְט אִיר גֶערֶעכְט, אִיר גֶעבְּט אַן עֶרְלִיכֶער חִינוּךְ פַאר אַייעֶרֶע קִינְדֶער, זֵיי נִישְׁט צוּ וַוייזְן קַיין שׁוּם מָאוִוי, אֲפִילוּ אִידִישֶׁע זַאכְן, כְּדֵי צוּ הַאלְטְן דִי קִינְדֶער רֵיין אוּן הֵיילִיג, אוּן יֶעצְט וֶוען אִיר הָאט זִיךְ דֶערְוויסְט אַז וֶוען אִיר שִׁיקְט אַייעֶרֶע קִינְדֶער צוּ אַייעֶר שְׁווִיגֶער וַוייזְט זִי זֵיי אִידִישֶׁע מָאוִויס; אִיר זֶענְט זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, אִיר פְרֶעגְט אוֹיבּ אִיר זָאלְט אִיר זָאגְן נִישְׁט וַוייזְן מֶער פַאר אַייעֶרֶע קִינְדֶער קַיין מָאוִויס.

וָואלְט דִי מַעֲשֶׂה פַּאסִירְט בַּיי אַ שָׁכֵנְ'טֶע, אַ חַבֶרְ'טֶע – וָואלְט גֶעוֶוען דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ זָאגְן יֶענֶעם: "בִּיטֶע נִישְׁט וַוייזְן מַיינֶע קִינְדֶער קַיין שׁוּם זַאךְ", אָבֶּער דִי פְרַאגֶע אִיז 'ווִי אַזוֹי זָאגְט מֶען דָאס פַאר עֶלְטֶערְן?' פַאר עֶלְטֶערְן טָאר מֶען נִישְׁט זָאגְן אוֹיבּ עֶס וֶועט זַיין אַ פְּגַם אִין זֵייעֶר כָּבוֹד, מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי כָּבוֹד פוּן דִי עֶלְטֶערְן, עֶלְטֶערְן זֶענֶען הֵיילִיג אוּן טֵייעֶר אוּן עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה צוּ מְזַלְזֵל זַיין אִין זֵיי, אוֹיךְ אִיז דָאס אַ סַכָּנָה, מֶען לַיידְט זֵייעֶר אַסַאךְ אִין לֶעבְּן אַז מֶען גְרוֹיסְט זִיךְ אוֹיף דִי עֶלְטֶערְן; אִיז ווִי אִיז שַׁיָיךְ צוּ זָאגְן אָנְוַוייזוּנְגֶען פַאר טַאטֶע מַאמֶע, שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער? עֶס אִיז אַ פְּגַם אִין כִּיבּוּד אָב וָאֵם.

דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אִיז צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג, אוּן רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קַיין טֶעלֶעפָאן, טֶעבְּלֶעט וְכַדוֹמֶה, אוּן אַז דִי קִינְדֶער פְרֶעגְן ׳אָבֶּער זֵיידֶע הָאט אַ טֶעלֶעפָאן!׳ ׳אָבֶּער בַּאבֶּע קוּקְט מָאוִויס!׳ זָאגְט מֶען: ״זֵיידֶע אוּן בַּאבֶּע זֶענֶען זֵייעֶר וואוֹיל, זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר עֶרְלִיךְ, מִיר פִירְן זִיךְ וִוי דִי רַבָּנִים וָואס זָאגְן נִישְׁט קוּקְן״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...



בס"ד
בשורה טובה
ומשמחת!
שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך
צו אייער
טיר
אויף די פאסט
די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים
עצתו
אמונה
הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,
געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
הרה"ג ר'
יואל רוטה
שליט"א
היכל הקודש
רופט אדער טעקסט
קרן הדפסה היכל הקודש
718-387-2691
אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org
חיזוק צום טיר
goodpointmediainc@gmail.com